LIT 5507 / Roskies

דאָס

# ווינטשפֿינגערל

וואָס מיט דעם קען איטלעכער מענטש דערגרייכן אַלץ וואָס זײַן האַרץ ווינטשט און באַגערט, און קען דורך דעם ניצלעך זײַן זיך און דער וועלט.

דעם ספֿר האָט געשריבן אין דער דײַטשער שפּראַכע

## הירש ראָטמאַן פֿון רוסלאַנד

און איז צום ערשטן מאָל געדרוקט אין לײַפּציג

בײַ בראָקהויז 1864

הײַנט איז ער איבערגעזעצט געוואָרן אין ייִדיש־דײַטש

און אַרויסגעגעבן געוואָרן לטובֿת הכּלל פֿון

## מענדעלע מוכר־ספֿרים

מאת

## א י ש

דער מחבר פֿון דעם קליינעם מענטשעלע

בדפוס החדש של ר' יוסף לעבענזאָהן



## אַ מעשה איבער אַ מעשה

1 אמר מענדעלע מוכר־ספֿרים, זאָגט מענדעלע דער מוכר־ספֿרים: געלויבט זײַ דער בורא, וואָס האָט אין זעקס טעג באַשאַפֿן הימל און ערד מיט אַלע באַשעפֿענישן: מלאכים, חיות און עופֿות, ציגן, שאָף, קאַטשקעס און דעם מענטשן, וואָס ער האָט אים געלײַטזעליקט מיט אַ שׂכל, צו פֿאַרשטיין צו רעדן און צו שרײַבן. איך בין אויסן אײַך דאָ צו באַשרײַבן דעם וווּנדער, וואָס השם־יתבּרך האָט מיר געטאָן פֿאַר אַ יאָרן זומער (תּרכ"ה). הערט אויס, ליבע ייִדן, עס וועט אײַך כלעבן הנאה טאָן.

2 מאָנטיק גאַנץ פֿרי בין איך אַרויסגעפֿאָרן פֿון קאַבצאַנסק, וואָס איך האָב דאָרטן געהאַלטן שבת־נחמו. די לופֿט איז געווען גאָר מחיה. עס איז אַ תּענוג געווען צו הערן ווי די פֿייגעלעך האָבן געזונגען אַלערליי ניגונים, אין וועלכע עס האָט זיך געלאָזט הערן ווײַט פֿאַרטראָגענע קולות פֿון מוזשיטשקעס,[1] וואָס האָבן זינגענדיק געשניטן תּבֿואה אויף די פֿעלדער. סטערטעס היי זענען געשטאַנען אויף די סינאָקאָסן[2] און האָבן אַרויסגעגעבן זיסע מחיהדיקע ריחות, וואָס זענען זיך צעגאַנגען אין אַלע אבֿרים. פֿון ווײַטן האָבן זיך אַרויסגעזען פֿעלדער מיט בליִענדע רעטשקע, ווײַס ווי שניי, און די טשערעדע האָט אויסגעזען פֿון ווײַטן אויף דער פּאַשע ווי שוואַרצע, רויטע, געפּלעקטע פּינטעלעך. מילא, גאָרנישט, ניט דאָס בין איך אויסן.

3 איך בין מיר געזעסן אין טלית און תּפֿילין אויף דער קעלניע און האָב געדאַוונט. אַ פֿעדערשט רעדל האָט אַ ביסל צוגעסקריפּעט און מײַן פֿערדל האָט געהויבן פּיסלעך גאַנץ לוסטיק און איז זיך געגאַנגען אַ בעל־הביתּישן גאַנג: האָץ, האָץ. איטלעכן איז באַקאַנט, אַז דער וועג פֿון קאַבצאַנסק קיין גלופּסק איז גלאַט ווי אַ טאָק, ער ציט זיך איבער פֿעלדער און גייט דורך וועלדער און וועלדלעך מיט בערעזענע און דעמבענע ביימער. נאָר אמת, אויף אַ פּאָר ערטער איז פֿאַראַנען אַ זומפּ, וואָס אין דער בעל־עגלהשער שפּראַך הייסט עס 'אַ טינטערל'. ניט דאָס בין איך אויסן.

4 אין מיטן שמונה־עשׂרה, זאָל ניט אויסגערעדט זײַן, האָב איך געכאַפּט אַ דרעמל. מײַן קאָפּ האָט זיך טאַלאַבענדעט אַהין און אַהער. פּלוצלים האָב איך מיך אַ שטאַרקן העצקע געטאָן און טאַקע 'בוך' – גלײַך אויף דער ערד אַזש... אַ מת אַפֿילו וואָלט זיך פֿון אַזוי אַ 'בוך' אויך געקענט אויפֿכאַפּן. איך גיב אַ בליק: העי! אין דאָס סקריפּעדיקע רעדל פֿון מײַן בײַדל איז פֿאַרטשעפּעט אַן אַקס פֿון אַן אַנדער בײַדל, וואָס עס איז מיר געקומען אַנטקעגן. מײַן פֿערדל, נעבעך, שטייט אין געהאַקטע ווונדן מיט איין פֿוס איבער אַ האַלאָבליע, פֿאַרפּוטעט אין די לייצן

1 מוזשיטשקעס: פּויערטעס.

2 סינאָקאָס: אַ פֿעלד מיט הויפֿנס פֿון נײַ־אָפּגעשניטענעם היי.

און סאָפּעט ווי אַ גאַנדז. פֿון יענער זײַט בײַדל שיטן זיך טויטע קללות אויף מיר און אויף מײַן פֿערדל, נעבעך. איין מאָל אַ רוח אין טאַטן, נאָך אַ מאָל אַ רוח אין טאַטן, אַז עס האָט מיך, שונא־ציון, פֿאַר דעם האַרצן אָנגעכאַפּט. איך האָב מיך מיט גרויס כּעס אַ לאָז געטאָן אויף יענער זײַט וואָגן. דאָרטן אויף דער ערד איז געלעגן פֿאַרפּלאָנטערט אין טלית און תּפֿילין אַ ייִד, אין דער האַנט אַ בײַטש פֿאַרדרייט מיט די רצועות.

5 איך שרײַ: "סטײַטשו!" ער שרײַט אויך: "סטײַטשו!" איך בטל אויף אים אויס חלומות, ער בטלט אויס אויף מיר. איך שרײַ: "וואָס האָסטו געשלאָפֿן? סטײַטש, פֿאַר וואָס האָסטו זיך ניט געהיט?" ער שרײַט אויך פּונקט דאָס זעלביקע. איך שמײַס זײַן פֿערדל. ער שמײַסט מײַן פֿערדל.ביידע פֿערדלעך שטעלן זיך דיבאָם. און מיר האָבן זיך איינער צום אַנדערן צוגעלאָזט הענדום פּענדום, ווי די הענער, און האָבן זיך שוין טאַקע אָנגענומען פֿאַר די פּאות. גאָט ווייס וואָס דער סוף וואָלט געווען, ווען מײַן צד־שכּנגדי וואָלט פּלוצלים ניט אַ געשריי געטאָן:

6 – אוי! וואָס זע איך?! סטײַטש, רב מענדעלע!

7 איך האָב אַרײַנגעקוקט דעם פֿאַרשוין אין פּנים און האָב אויך אַ געשריי געטאָן:

8 – אוי, סטײַטשו! רב סענדערל!

9 אַ שׂמחה אַ חדווה אויף וואָס די וועלט שטייט. איך שרײַ: "זײַט מיר טויזנט מאָל מוחל, רב סענדערל!" רב סענדערל שרײַט: "זײַט מיר טויזנט מאָל מוחל, רב מענדעלע!"

10 רב סענדערל איז אַ קורץ, גראָב ייִדל, אַ געשפּיקעוועטער, מיט אַ דיק בײַכל, אַ רויטן פֿאַרוואַקסענעם פּנים. ער איז אַ מוכר־ספֿרים ווי איך. מיר גיבן אַ מאָל איינער דעם אַנדערן צו לייזן מזומן, אָדער מאַכן אַ חילוף. ווי עס לאָזט זיך.

11 – נו, נו – האָבן מיר ביידע מיט גרויס שׂמחה געזאָגט – דאָס איז בהשגחה. טאַקע גאָר זכות־אָבֿות האָבן פֿאַרטשעפּעט אונדזערע וועגן, כּדי מיר זאָלן זיך ניט מײַדן. אַזוי אַ ווונדער איז דאָך ווערט צו באַשרײַבן. אַזוי אַ ווונדער טרעפֿט זיך טאַקע נאָר איין מאָל אין טויזנט יאָר.

12 רב סענדערל, זאָל לעבן, האָט מיר געהאָלפֿן אַוועקרוקן מײַן בײַדל, און דערפֿאַר וואָס ער האָט אַ ביסל באַליידיקט מײַן פֿערדל, האָט ער אים אונטערגערוקט אַ הויפֿן היי פֿון זײַן וואָגן און האָט אים אַ גלעט געטאָן עטלעכע מאָל איבער דעם רוקן.

13 – וואָס איז די מעשׂה, רב מענדעלע – האָט ער געפֿרעגט – וואָס איז די מעשׂה מיט אײַער פֿערדלס שוואַנץ? ווו זענען אַהינגעקומען זײַנע סטרונעס?

14 – נאַט – האָב איך געענטפֿערט – נאַט אײַך אַ ספֿרל. דאָרט וועט איר שוין זען, אַז די גלופּסקער ווײַסע חבֿרה האָבן אים אַזוי מיאוס אָבידיעט.[3] מיינט ניט, אַז מײַן

3 אָבידיעט: באַליידיקט.



פֿערדל איז אַ פּראָסטס, אַבי אָט אַ פֿערדל. ער איז שוין געדרוקט אין אַ ספֿר, און דערצו טאַקע אויך נאָך (אין)[4] אַ צײַטונג.

15 – הע! פֿון דעסט וועגן, נעמט זיך אַזוי ניט איבער – האָט רב סענדערל געשפּאַסט – בײַ דער צײַט געפֿינט מען אַ סך פֿערד, וואָס מען רעדט פֿון זיי אין ספֿרים און אין נײַ־צײַטונג. עט! מע זאָגט, אַ גוייִשער שרײַבער, איינער עפּעס לעסינג צי עסינג – וואָס מאַכט עס אויס? זאָל זײַן עסעניג – האָט גאָר אָנגעשריבן אַ לויב־ליד אויף אַן אייזל. אַ דײַטשל, וואָס איך האָב אים פֿאַר אַ יאָרן אַ ביסל אונטערגעפֿירט, האָט מיר אַ גאַנץ וועג קראַנק געמאַכט דעם קאָפּ עפּעס מיט סאַנכאָ פּאַנכאָס אַן אייזל, וואָס שטייט באַשריבן אין אַ ספֿר דאָן סקאָט, קאָט אָדער קישאָט. בײַ אונדז ייִדן איז דאָך פֿאַראַנען פֿיל באַרימטע אייזלען. אַפֿילו אַזעלכע, וואָס רעדן נאָך אַליין. למשל – בלעמס אייזל, פּנחס בן־יאיר'ס אייזל; נאָך פֿיל אייזלען. ניט אומזיסט שטייט אין די קינות: "בָּךְ כָּל בְּהֵמָה וְעוֹף חָכְמוּ", דאָס הייסט: בײַ דיר, כּנסת ישׂראל, זענען אַלע בהמות קלוג.

16 – זאָלט איר טאַקע וויסן, רב סענדערל, – האָב איך געזאָגט – בײַ אונדז ייִדן זענען טאַקע פֿאַראַנען זייער פֿיל באַרימטע אייזלען... ניט דאָס בין איך אויסן.

17 אַז מיר האָבן אונדזערס אָפּגעשמועסט, האָבן מיר זיך גענומען צום עסק. איך האָב אַרויסגענומען מײַן פּעקל סחורה, רב סענדערל זײַן פּעקל און מיר האָבן געסטעכעוועט.[5] איך האָב אויסגעביטן אַ מאה זשיטאָמירער סליחות אויף שפּאָגל נײַע שופֿרות.

18 – יאָ, – האָט רב סענדערל אַ זאָג געטאָן צום סוף – ווייס איך? עפּעס האָב איך מײַנע צרות, געקויפֿט פֿאַר אַ שפּאָט אַ דײַטשערס ביכל; עס הייסט עפּעס, ווי מען האָט מיר פֿאַרטײַטשט, 'דאָס ווינטשפֿינגערל'.

19 דאָס האַרץ האָט מיר אַ טיאָכקע געטאָן בשעת איך האָב דערהערט דאָס וואָרט 'ווינטשפֿינגערל'. דאָס איז סחורה – האָב איך געטראַכט – אָט־אָ־דאָס דאַרפֿן טאַקע ייִדן האָבן, אָט־אָ־דאָס קען האָבן אַ גרויסן אָפּגאַנג. ווי 'בבֿא־מעשׂה', 'טויזנט און איין נאַכט'. קורץ, איך האָב מיך צוגעזעצט צו רב סענדערלען, ביז ער האָט מיר אָפּגעלאָזט דאָס ביכל עפּעס פֿאַר עטלעכע השׂכּלה־ספֿרים, וואָס האָבן זיך בײַ מיר פֿאַרוואַלגערט. רב סענדערל איז אויך כלעבן קיין נאַר ניט. ער ווייס וואָס איז גוט, וואָס איז שלעכט. אַ שיינע ריינע כּפּרה אַלע השׂכּלה־ספֿרים פֿאַר איין מעשׂה. אַ כּפּרה נאָך פֿאַר אַ ווינטשפֿינגערל... ניט דאָס בין איך אויסן.

20 אַז מיר האָבן אַלצדינג געעקט, האָט זיך רב סענדערל געזעצט אויף זײַן וואָגן פֿאָרן קיין צבֿיעטשיק. איך בין מיר אַרויף אויף מײַן וואָגן פֿאָרן קיין גלופּסק. האָב

4 די ווערטער צווישן קײַלעכדיקע קלאַמערן פֿעלן אין געדרוקטן טעקסט. פֿירקאַנטיקע קלאַמערן געהערן צום אָריגינעלן טעקסט.

5 געסטעכעוועט: זיך געדונגען.

מיך געגומען קאָנטשען[6] דאָס דאַווענען און פּרווון די שופֿרות. איר קענט אײַך משער זײַן ווי שטאַרק איך האָב געבלאָזן, אַז מזשיקעס[7] האָבן פֿון ווײַטן מיר אָפּגעטראָטן דעם וועג. וואָרעם זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס בלאָזט דער פּאָטשטאַליאָן.[8] עס פֿאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן דערנאָך מיך געזען, האָבן זיי אויף מיר געטײַט מיט אַן עק פֿאָלע, ווי אַ חזירס אַן אויער, און דערצו נאָך געשריִען: זשיד כאַלאַמיי![9] איך אָבער האָב מיר טאַקע ווײַטער געבלאָזן. אָט פֿאַר וועמען מען האָט זיך אַ ביסל צו שעמען?!..

21 דאָס דײַטשערעס ספֿרל איז מיר ניט אַרויס פֿון דעם קאָפּ. אין מיטן לאַנגן 'והוא רחום', זאָל ניט אויסגערעדט זײַן, האָב איך מיך שטאַרק פֿאַרטראַכט. סטײַטש! ווער ווייס נאָך אַזוי גוט ווי איך וואָס ייִדן דאַרפֿן האָבן, וואָס ייִדן האָבן ליב. וואָס טויג זיי אַלע אַנדערע ספֿרים חוץ סידורים, סליחות, מחזורים וכדומה? כולנו חכמים. כולנו נבֿונים. כולנו יודעים את התורה. דאָס הייסט: פֿיל מיינען, אַז זיי זענען חכמים, שיינע פֿײַנע בריות נאָר גלאַט מחמת זיי זענען ייִדן. אַ ייִד ווערט געבאָרן אַ חכם, אַ כשרער, אַ פֿרומער. הײַנט צו וואָס טויג אים זיך דולן מיט פּוסטע ספֿרים? זעט איר, אַ מעשׂה דאָס איז סחורה. און אויך ניט קיין לאַנגע. דער ייִד וויל טאַקע באַלד ווי ער האָט אָנגעהויבן וויסן דעם סוף. דאָס איז דאָך טאַקע דעם ייִדנס כאַראַקטער, וואָס ער איז זייער טשיקאַווע און אומגעדולדיק... ניט דאָס בין איך אויסן.

22 דער שפּיץ איז: אַ מעשׂה איז אַ קוראַנטער[10] אַרטיקל. און אַ ווינטשפֿינגערל, האָבן מיר אַ קיימא לן, איז אַוודאי אַ שיינע מעשׂה. בכן, וועל איך מאַכן אַ גוט געשעפֿט, אַז איך וועל ספּעקולירן אָפּדרוקן די מעשׂה אין ייִדיש־דײַטש.

23 מיט אַזעלכע געדאַנקען בין איך מיר געפֿאָרן פֿאַרטראַכט אין טלית און תּפֿילין, מיט אַ שופֿר אין דער האַנט, ביז די דרײַ קרעטשמעס וואָס פֿאַר גלופּסק.

24 אַז איך האָב זיך אַ ביסל אָפּאָרעט[11] אין גלופּסק פֿון מײַנע געשעפֿטן, בין איך תּחילת געגאַנגען צו מײַן אַלטן הער גוטמאַנען מיט דעם פּלאַן ער זאָל מיר איבערזעצן דאָס דײַטשערעס ביכל.

25 יאָ, איר מוזט וויסן, אַז גוטמאַן איז נאָך פֿאַר אַ יאָרן געקומען מיט זײַן פֿאַמיליע

6 קאָנטשען: ענדיקן.
7 מזשיקעס: פּויערים.
8 פּאָטשטאַליאָן: בריוון־טרעגער. אין מקור שטייט 'פּאָטשטיליאָן'.
9 זשיד כאַלאַמיי: אַ קללה אויף ייִדן. בוכשטעבלעך הייסט עס משמעות: אַ ייִד פֿון חול־המועד. פֿאַרגלײַך: דב סדן: 'חול המועד – אַ ניבול־פּה', חן גריבעלעך, ב' 1, בוענאָס־אײַרעס, 1971, זז' 54–68.
10 קוראַנט: גילטיק, עובֿר־לסוחר.
11 אָפּאָרען זיך: אָפּפּאַרטיקן זיך, ספּראַווען זיך.



קיין גלופּסק לויט דער צוואה פֿון יצחק־אבֿרהם תּקיף,[12] אַז ער זאָל דאָרטן מאַכן פֿאַר זײַן געלט גוטע פּאָראַדקעס:[13] פֿאַרבעסערן די תּלמוד־תּורה, מאַכן לײַט פֿון יתומים, אָרעמע קינדערלעך, אויסלערנען זיי גוטע מלאכות. נאָר פֿון אַלע פּאָראַדקעס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך. גוטמאַן האָט אַפֿילו ניט מוצא שנתו געווען אין גלופּסק, און איז פֿון דאָרט ניט טויט ניט לעבעדיק אַנטלאָפֿן.

26 בײַ ייִדן ווילט איר מאַכן פּאָראַדקעס? און נאָך בײַ גלופּסקער! חסידים איז ניט געפֿעלן, פֿאַר וואָס גוטמאַן טראָגט זיך דײַטש; און אַז מען האָט אָפּגעוואַשן דעם פּאָל[14] אין דער תּלמוד־תּורה, איז זיי פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. סטײַטש, סטײַטש, מען זאָל אַזוינס טאָן אַ אין תּלמוד־תּורה? סטײַטש, סטײַטש, מען זאָל אָפּוואַשן די בלאָטע, וואָס אונדזערע אָבֿות אבֿותינו האָבן אָנגעמאַכט?!... אַזעלכעס טוט טאַקע נאָר אַ גוי. אָבער אַ ייִד, דער וואָס האָט אַ פּינטעלע ייִד... סטײַטש, ווי שיקט זיך עס!

27 אַ טייל נגידים זענען גלאַט אין כּעס געווען אויף יצחק־אַבֿרהמס צוואה: סטײַטש, מען זאָל אַזוי אויסזאָגן פֿון חדר? סטײַטש, מען זאָל טאָן אַזוי אַ גרויסע צדקה?! דאָ וועט מען דאָך טאַקע נאָר הערן יצחק־אַבֿרהמס נאָמען אַליין און זיי אַלע וועלן דאָך אַזוי אַ פּנים האָבן, ווי... אַחוץ דעם די דײַטשלעך, די בײַסן זיך גאָר ווי קעץ. איטלעכער מיינט, אַז ער, טאַקע נאָר ער, פֿאַרשטייט אַן עסק. איינעם איז ניט געפֿעלן גוטמאַנס ראָק, דעם אַנדערן – גוטמאַנס שטעקן, דעם דריטן איז ניט געפֿעלן פֿאַר וואָס גוטמאַן קען ייִדיש – און פֿלעגט אים נאָכקרימען ווי אַ גוי אַ ייִדן. יענעם דײַטש קען מען אָבער ניט רופֿן גוי, וואָרעם ער קען ניט קיין גויִש דײַטש. בשעת רעדן בלאָזט ער אָן די פּיסקעס. אַ ייִד אָבער קען ער אויך ניט הייסן, וואָרעם ער איז לאָ־עליכם שטומפּיק אויף דער עבֿרי. אין דער כּלי־זמר שפּראַך הייסט אַזעלכער: אַ יאָלד, אַ יופּט, אַ פּלאָכט!

28 גלייבט מיר, מײַנע ליבע ייִדן, איך בין אויף מײַן לעבן אויסגעווען אַ וועלט. איך האָב איבערגעהאַנדלט מיט אַלערליי מענטשן. דער אמת איז ניטאָ בײַ קיינעם. סײַדן נאָר בײַ נאַראָנים און משוגעים. וואָרעם באמת טאַקע, דאַרף מען דען ניט זײַן אַ נאַר, אַ משוגענער, הײַנטיקע צײַטן זאָגן דעם אמת?... נאָר ניט דאָס בין איך אויסן.

29 קורץ. איך זאָל אײַך דערציילן די שטוטשקעלעך[15] וואָס מען האָט געטאָן גוטמאַנען, איז דאָ ניט דאָס אָרט. איך וועל אם־ירצה־השם אײַך דאָס אַלץ אַן אַנדערש מאָל באריכות דערציילן. אַז איך האָב געזען, אַז גוטמאַן איז ניטאָ, בין

12 זע: מענדעלע מוכר־ספרים, דאָס קליינע מענטשעלע.
13 פּאָראַדקעס: סדר, אָרדענונג.
14 פּאָל: דיל, פּאָדלאָגע.
15 שטוטשקעלעך: שפּיצלעך.

איך מיר געגאַנגען צו אַן אַנדערן אָרעמען דײַטשל, מײַנער אַ באַקאַנטער. זעט איר, דער דײַטש האָט ליב צו זאָגן אַן אמת. ער מאַכט מיך אָפּט קלאָר פֿון גלופּסקער שטוטשקעלעך. ערשט ניט לאַנג האָט ער מיר דערציילט פֿון אַ גלופּסקער פֿײַנע־בריה, ווי ער פֿירט גלופּסק בײַ דער נאָז און גייט אין ספּאָדיק. עס קען זײַן, אַז איך וועל מיט דער צײַט אַרויסגעבן זײַנע אַ געשריבענע מעשׂה, זייער אַ שיינע, זייער אַ לאַנגע, אַ גרויסע. נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. איך האָב מיך מיט דעם דײַטשל באַדונגען, ער זאָל מיר דאָס דײַטשערעס ביכל מעתּיק זײַן אויף פּראָסט ייִדיש, און אַליין בין איך מיר אַוועקגעפֿאָרן ווײַטער.

30 אויף הײַנטיקן חנוכּה בין איך מיר אַרײַנגעפֿאָרן ווידער קיין גלופּסק. דער דײַטש איז געווען מלא שׂמחה, אַז ער האָט מיך דערזען. "אוי, רב מענדעלע", האָט ער געשריִען פֿאַר פֿרייד. "איך האָב שוין אַ סך איבערגעזיצט פֿון דעם ספֿר. איר האָט אַ שיינע מעשׂה, רב מענדעלע! איר דאַרפֿט רײַך ווערן פֿון דער מעשׂה. געבע גאָט, אַזעלכע מעשׂיות זאָל זײַן אַ סך בײַ אונדזערע ייִדן". אַוודאי האָב איך מיך שטאַרק געפֿרייט, אַז איך האָב מיט דעם דײַטש איבערגעלייענט די מעשׂה. איך האָב מיך אָנגעשטויסן וואָס פֿאַר אַ מין מעשׂה דאָס איז. ערשט דענסטמאָל האָב איך באַשײַמפּערלעך אַרויסגעזען דעם וווּנדער, וואָס די בײַדלעך האָבן זיך פֿאַרטשעפּעט. הײַנט גייט באַשרײַבט ניט אַזוי אַ וווּנדער!

31 "פֿון דעסט וועגן", האָב איך געזאָגט דעם דײַטשל מיט אַ קנייטש, "פֿון דעסט וועגן וואָלט ניט געשאַדט כלעבן, אַז איר זאָלט ווי עס איז מאַכן הערות [אָנמערקונגען] אויף דער מעשׂה, וואָרעם דאָס איז הײַנט שטאַרק אין דער מאָדע. רב לעמל, זאָל לעבן, דער וואָס דרוקט מעשׂיות, איז דערין אַ מײַסטער. ער טאָקט אָנמערקונגען וואָס ניט־געשטויגן ניט־געפֿלויגן, גראָם שטראָם מאַך מיר אַ לעטניק. ער איז אַ חידוש, ווי איך בין אַ ייִד! גלייבט מיר, ייִדן, איך בין אַ מבֿין אויף אַזעלכע זאַכן. בײַ ייִדן דאַרף מען נאָר מאַראָטשען דעם קאָפּ,[16] איין וואָרט מעג זיך מיט דעם אַנדערן ניט אָנגעהערן, אַבי קלאַפּאָטשע,[17] אַבי שטירכע[18] נאָך בעסער. וואָס מער מען וועט אײַך ניט פֿאַרשטיין, וועט מען אײַך אַלץ מער באַוווּנדערן. אַ זאַך וואָס מען פֿאַרשטייט איז בײַ אַ ייִדן ניט בחשיבֿות. וואָרעם וואָס לאָזט ער מיר הערן? חשובֿ איז בײַ אים נאָר אַזוי אַ זאַך, וואָס מע קען עס ניט פֿאַרשטיין. אַז מען פֿאַרשטייט עס ניט, מסתּמא מוז דאָך דרינען עפּעס זײַן... רב לעמל, זאָל לעבן, איז אַ פֿויגל, ער פֿאַרשטייט דאָס גאַנץ גוט. דעריבער מאַכט ער מיט דער צונג אַהין־אַהער ווי עס איז, און דרייט זיך אויס גלאַט ווי אויף אַ טעלער. אַ שטייגער, אַז איינער זאָגט אַ זאַך, וואָס עס טויג אים כּלל ניט, דאָ

16 מאַראָטשען דעם קאָפּ: דולן אַ קאָפּ, דרייען אַ קאָפּ, האַקן אַ טשײַניק.
17 קלאַפּאָטשען: דאגהנען, מטריח זײַן זיך, האָבן צו זינגען און צו זאָגן.
18 שטירכע: שטופּ, רײַס אײַן.



הייבט ער אָן מאַראָטשען, קלאַפּאָטשען, און מניה ובֿיה וואַקסט אויס אַזוי אַ הערה, וואָס כאָטשע דו זאָלסט זיך שוין דאָ צערײַסן, וועסטו ניט דערגיין קיין טאָלק. וואָס אַרט עס אים, וואָס דו פֿאַרשטייסט זי ניט. ער כלעבן פֿאַרשטייט זי אויך ניט. אַבי ער האָט דערווײַל יענעם מבֿלבל געווען. איך זאָג אײַך, רב לעמל איז גאָר אַ חידוש. ווי איך בין אַ ייִד! דאָס האָב איך געהערט זאָגן אויך פֿון אַ סך געבילדעטע. נאָר ניט דאָס בין איך אויסן".

32 "ניין, רב מענדעלע", האָט דער דײַטש געענטפֿערט, "ניין. קאַלאַפּאָטשען[19] מיט דער צונג, גלאַט אַבי יענעם פֿאַרדולן, דאָס קען איך ניט. איך שרײַב נאָר דאָס וואָס איך פֿאַרשטיי, וואָס איך פֿיל, וואָס עס טויג, וואָס מען באַדאַרף, וואָס איטלעכער קען עס פֿאַרשטיין. אײַ וואָס אַ ייִנגל, אַ שוטה, אַ דראַב[20] אַ דוראַק[21] פֿרעגט: מאַי קאָ משמע לן, וואָס לאָזט ער מיך הערן? – דאָס הער איך אַזוי ווי דעם קאָטער. וואָס גייען מיך אַזעלכע דוראַקעס אָן?... איר ווילט, רב מענדעלע, אַז איך זאָל אָננעמען די מאָדע פלוידערן, קאַלאַפּאָטשען, פלוטען[22] און באַלאַמוטען.[23] וואָס איז? כּדי איך זאָל געפֿעלן דוראַקעס?! הייסט זשע דען דאָס אָבער דער שׂכל? הייסט זשע דען דער שׂכל, אַז מען זאָל ווערן אַ שוטה, אַ חסר־דעה, צוליב שוטים און נאַרן? אַדרבה, דער שׂכל הייסט באַדויערן די נאַראָנים. ער הייסט אונדז טאָן וואָס מען באַדאַרף און הערן די מיינונגען פֿון אַלע נאַראָנים אַזוי ווי פֿאַראַיאָריקן שניי. פֿאַרשטייט איר מיך, רב מענדעלע? איך זאָג אײַך נאָך אַ מאָל בפֿירוש ברחל בתּך הקטנה, אַז איך שרײַב נאָר וואָס איך פֿיל, וואָס איך דענק. טויג אײַך, איז גוט. אלא ניט, שיקט זשע אײַער מעשׂה צו רב לעמלען".

33 "חלילה!" – האָב איך אַ געשריי געטאָן מיט אימפּעט – "חלילה! אַזוי אַ שטותערײַ וועל איך בשום אופֿן ניט טאָן. רב לעמל, זאָל לעבן, האָט מיר ערשט פֿאַר אַ יאָרן זייער מיאוס אָנגעפֿײַפּט אין אַ מעשׂה אַרײַן. זאָל מײַן מעשׂה זײַן אָן הערות, איידער איך זאָל מיך ווענדן צו אים. נישקשה, איך קען אויך מאַראָטשען אַ קאָפּ. איך קען אויך די קונץ ווי ער, טאָקן הערות און דרייען מיט דער צונג. אַחוץ דעם האָב איך נאָך אָנגעשריבן די לאַנגע הקדמה. איך מיין אַז זי באַשטייט פֿאַר הונדערט הערות. נישקשה, מען קען מיט איר אויך קראַנק מאַכן אַ מענטשן. מען קען מיט איר אויך יוצא זײַן, מען קען מיט איר צופֿרידן זײַן. כאָטשע ערטערווײַז

19 קאַלאַפּאָטשען: דרייען, באָמבלען.
20 דראַב: מנוּוול.
21 דוראַק: נאַר, שוטה.
22 פלוטען: זיך אויפֿפֿירן לײַכטזיניק.
23 באַלאַמוטען: פלוידערן, ריידן דבֿרי־הבֿל.

קען מען זי אַ ביסל פֿאַרשטיין, און ווײַטער, איבעריקנס, דעם וואָס זי וועט ניט געפֿעלן, דער מעג זי איבערהיפּערן און גלײַך אָנהייבן פֿון דער עיקר מעשׂה״.

## די מעשׂה אַליין

34 דער מחבר פֿון דעם 'ווינטשפֿינגערל' הייבט אָן צו רעדן אין זײַן ספֿר אַזוי:

35 ״איך בעט מײַנע טײַערע לעזער אום פֿאַרצײַונג, דאָס הייסט, זיי זאָלן מיר מוחל זײַן, ווען איידער איך מאַך זיי באַקאַנט מיט דעם תּוכן, דאָס הייסט מיט דעם אינהאַלט פֿון דעם 'ווינטשפֿינגערל' אַליין, האָב איך מיר די פֿרײַהייט גענומען, דאָס הייסט, איך האָב מיר פֿאַזוואָלעט[24] מיך זעלבסט פֿאַר זיי פֿאָרצושטעלן און אינען עטלעכע בלעטער פֿון מײַן לעבנס־געשיכטע צו עפֿענען. איך האָף, אַז די לעזער מיט פֿיל פֿאַרגעניגן די דאָזיקע בלעטער לעזן וועלן, און וועלן דערנאָך אַרויסזען, ווי די בלעטער געהערן זיך שטאַרק אָן מיט דעם ווינטשפֿינגערל אַליין.

36 אין קיִעווער גובערניע איז פֿאַראַנען אַ קליין שטעטעלע, ניט ווײַט פֿון גלופּסק. זי איז באַקאַנט אויף עטלעכע מײַל אַרום מיט דעם נאָמען קאַבצאַנסק. דאָרט, אין דעם שטעטל, וווינט אַן עושר, אַ פֿײַנע־בריה. ער הייסט רב יודל קאַבצאַנסקער. די איבעריקע אײַנוווינער זענען גרויסע אבֿיונים און האָבן ניט, איר זאָלט זאָגן, אַ צעבראָכענעם שילינגער. אין קאַבצאַנסק אַליין איז פֿאַר זיי ניטאָ קיין שום פּרנסה, סײַדן זיי זאָלן איינער צום אַנדערן אַרומגיין אין די הייזער. די גאַנצע יניקה זייערע איז פֿון גלופּסק. אַ טייל ווײַבער פֿירן פֿון דאָרט קיין גלופּסק הינער, אייער, געגנדזן־שמאַלץ און פֿאָדעם. אַ טייל מאַנצבילן פֿאָרן אַהין צו זײַן מלמדים, בעלפֿערס, מקבלים, שיינע־ייִדן און בטלנים. אונטער ימים נוראים כאַפּן זיך אַנדערע אַרויס קיין גלופּסק, פֿאַרדינגען זיך דאָרטן אין די קלײַזלעך פֿאַר בעלי־תּפֿילות. הײַנט דינסט־מיידלעך און אַמען גייען פֿון קאַבצאַנסק אַרויס גאָר אָן אַ שיעור. אַ חנוכּה, אַ פּורים גייען פֿון דאָרט אַוועק כּמעט אַלע אײַנוווינער קיין גלופּסק אַרומגיין דאָרטן אין די הײַזער.

37 מען זאָגט, אין קאַבצאַנסקער פּינקס שטייט פֿאַרשריבן אַ וווּנדער שיינע מעשׂה. בימי רב שמעלקע, אין דער צײַט רב שמעלקעס, רב יודלס אַ זיידע, האָבן זיך פֿאַר אַ פּורים די גאַנצע שטאָט לײַט אַוועקגעלאָזט קיין גלופּסק. עס איז איבערגעבליבן נאָר רב שמעלקע אַליין. רב שמעלקע איז געווען אַ בעזדעטניק.[25]

24 פֿאַזוואָלעט: דערלויבט.

25 בעזדעטניק: אָנקינדערדיק, קינדערלאָז.



אַ פֿרומער, אַ כּשרער ייִד, פֿון דעם אַלטנס חסידים. האָט זיך רב שמעלקע שטאַרק מצער געווען, אַז פּורים, אין אַזאַ הייליקן טאָג, וועט ער ניט קענען דאַוונען און לייענען די מגילה בציבור. און וואָס מער נאָך האָט אים געערגערט, (אַז) ער וועט דאָך ניט קענען מקיים זײַן די מצווה משלוח־מנות. פֿון גרויס צער און לייד איז ער געזעסן אסתּר־תּענית צווישן טאָג און נאַכט בײַ זיך אין שטוב – אָן אַ קאָפּ.

38 פּלוצלום עפֿנט זיך אויף די טיר און עס גייען אַריין נײַן מענטשן. דרײַ שטאַרק אַלטע אין ראַצעמאָרענע זשופּעצקעס;[26] איינער אין אַ גאַנץ לאַנגן טיזליק[27] פֿון מאָדע־אַנטיק, מיט אַ טײַערן ספּאָדיק, אַ שפּיצאַסטן; נאָך איינער אין אַ טשומערקע[28] מיט אַ לעדערנעם בײַ־גאַרטל; און נאָך איינער עפּעס אַזוי ווי פֿאַרשלאָפֿן מיט אַ גראָבער, רויטער נאָז, אָנגעזעצט מיט רויטע בלאָטערן ווי ווײַמפּערלעך, און האָט ניט געקענט אײַנשטיין אויף די פֿיס. די איבעריקע דרײַ זענען געווען אָנגעטאָן עפּעס ניט אַזוי ווי מאַנצבילן, ניט אַזוי ווי ווײַבלעך. פֿאָרנט ברוסט־טיכלעך מיט פֿליטערלעך, הינטן קליינע פֿאַרטעכלעך.

39 בשעת זיי זענען אַרײַנגעגאַנגען האָבן זיי אַ געשריי געטאָן: ״גוט יום־טובֿ, רב שמעלקע!״

40 רב שמעלקע איז געגאַנגען זיי אַנטקעגן מיט שׂמחה און האָט איטלעכן כּסדר געגעבן שלום־עליכם.

41 – רב שמעלקע – האָט געזאָגט די טשומערקע – די סוחרים פֿרעגן, אויב זיי וועלן קענען בײַ אײַך האַלטן פּורים. זיי וועלן אײַך גוט באַצאָלן.

42 – חלילה, חלילה! – האָט רב שמעלקע געענטפֿערט – געלט וועל איך אָסור חזיר ניט נעמען. איך וויל מקיים זײַן מיט אַזעלכע טײַערע אורחים די מצוות־פּורים גאַנץ פֿריילעך. ווײַן און אַנדערע משקאות האָב איך, דאַנקען גאָט, אין קעלער זייער געניג.

43 רב שמעלקע האָט געפֿירט זײַנע אורחים אין שול און מען האָט דאָרט געדאַוונט מעריבֿ. אָן אַלטעטשקער האָט געלייענט די מגילה מיט אַ זיס קול, גאָר מחיה. דער טיזליק האָט זיך געמיניעט. אַז דער אַלטער האָט געלייענט ווי המן איז דערהייכט געוואָרן, האָט דער טיזליק געמאַכט פֿאַר כּעס אַזוי אַ קולאַק, אַז רב שמעלקע האָט זיך איבערגעשראָקן און האָט געמיינט, אַז ער וויל אים דאָ דעם טויט מאַכן. דערנאָך, אַז דער אַלטער האָט געלייענט המנס מפּלה, האָט דער טיזליק אַ שפּרונג געטאָן און געטאַנצט. ער האָט געהאַלטן אין די הענט צוויי לאַנגע חופּה־שטעקנס און האָט טאַקע גוט געשלאָגן המן הרשע איבער די טרעפּלעך פֿון דעם בעל־מימר. די אַלטעטשקע האָבן זיך אונטערגעהעצקעט און האָבן געזונגען

26 זשופּעצקעס: קאַפּאָטקעלעך, כאַלאַטלעך.

27 טיזליק: אַ קורצינקער רעקל.

28 טשומערקע: אַ פֿויערשער מאַנטל.

שושנת־יעקבֿ. די נאָז מיט ווײַמפּערלעך האָט זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן און האָט געזאָגט: "איך וואָלט שוין פֿון אַלע שׂימחות געוואָלט דערלעבן זען אַ ביסל בראָנפֿן". דאָ האָט זיך אויך צעהיצט אונדזער רבֿ שמעלקע, איז אין דער גיך צוגעלאָפֿן צום שמשׂ שאַפֿקעלע, האָט אַרויסגענומען אַ פֿלעשל בראָנפֿן, אַ שטאַרקן, מיט עטלעכע קעלישקעלעך, און האָט געמאַכט מיט די אורחים אַ גוטע כּוסע. דער שמשׂ אַליין איז ניט געווען, וואָרעם אין זײַן כּתבֿ איז געשטאַנען בפֿירוש געשריבן אַ תּנאַי, אַז חנוכּה און פּורים האָט ער פּראַווע[29] אַרומצוגיין אין די הײַזער אין גלופּסק. אַחוץ דעם האָט ער פּראַווע מאַכן די שול פֿאַר אַ שענק, און שענקען דאָרט אַ גאַנץ יאָר בראָנפֿן...

44 די גאַנצע נאַכט האָט זיך רבֿ שמעלקע משׂמח געווען מיט די אורחים. אין דער פֿרי זענען די אַלע געגאַנגען אין וואַסער. די נאָז האָט ניט געוואָלט גיין. "ניין! ניין!" – האָט זי געזאָגט – "איך האָב פֿײַנט וואַסער". "קומט" – האָט רבֿ שמעלקע צו דער נאָז געזאָגט – "קומט, נישקשה, אונדזער מקווה־וואַסער איז שטאַרק געדיכט. מען קען זי שנײַדן מיט אַ מעסער..."

45 בשעת דעם מגילה־לייענען האָט זיך דער טיזליק געמיניעט פּונקט אַזוי ווי נעכטן. נאָך דעם דאַווענען האָט מען זיך געזעצט עסן און טרינקען. דערנאָך האָט מען מקיים געווען משלוח־מנות. נאָך דעם האָט מען זיך ווײַטער געזעצט עסן, מקיים זײַן די סעודה, און מען האָט געשיכּורט אויף וואָס די וועלט שטייט. אַלע האָבן געשאָלטן דעם טיזליק. די נאָז האָט געטרונקען מער פֿון איטלעכן. איידער איינער האָט אוספּייעט[30] אויסטרינקען איין כּוסע, האָט ער שוין אויסגעטרונקען צען. ער האָט געגאָסן ווי אויף דעם שטיין.

46 קורץ, מען איז אַזוי שיכּור געווען, אַז דער קאַבצאַנסקער עולם איז געקומען צוריק פֿון גלופּסק אויף מאָרגן נאָך שושן־פּורים, האָט מען געטראָגן רבֿ שמעלקען נאָך טויט־שיכּור.

47 דער אַלטער רבי עליו־השלום האָט געזאָגט, אַז די כּנופֿיא אורחים זענען געווען טאַקע גאָר דאָס גוטע פּעקל. די דרײַ אַלטע זײַנען געווען די אָבֿות. דער טיזליק אין שפּיצאַסטן ספּאָדיק איז מרדכי, אָנגעטאָן בגדי מלכות. די טשומערקע איז אליהו הנבֿיא. די נאָז מיט ווײַמפּערלעך איז דער באַרימטער שיכּור לוט, און די דרײַ וואָס מיט ברוסט־טיכלעך פֿון פֿליטערלעך און מיט פֿאַרטעכלעך זענען מתּתיהו כּהן גדול מיט צוויי קינדער, אָנגעטאָן אין חושן־ואפֿוד. דער אַלטער האָט געזאָגט, אַז איידער די קאָמפּאַניע איז געגאַנגען צו רבֿ שמעלקען, האָבן זיי פֿריִער בײַ אים גענומען רשות. וואָרעם רבֿ שמעלקע איז דאָך זײַן חסיד און

29 האָט ער פּראַווע: האָט ער דאָס רעכט.
30 אוספּייעט: באַוויזן.

קאַבצאַנסק געהער צו אים. דאָס הייסט, געהערן געהערט זי אייגנטלעך צו אַ פּריץ, נאָר די קאָפּיקע מאַכט ער. דאָס הייסט, דער פּריץ האַלט די קו פֿאַר די הערנער און דער רבי מעלקט.

48 רבֿ שמעלקע האָט אָנגעהויבן פֿון יענעם יאָר מצליח זײַן. סערל, זײַן ווײַב, וואָס האָט ניט געהאַט קיין קינדער, האָט אַקוראַט נאָך נײַן חדשים, חנוכּה צום ערשטן ליכטל, געהאַט אַ ייִנגל. דאָס איז רבֿ מרדכילע מתּות (דער רבי האָט אַזוי געהייסן אים אַ נאָמען געבן נאָך מרדכין און נאָך מתּתיהו החשמונאָי). דער רבֿ מרדכילע מתּות איז הײַנטיקן רבֿ יודלס אַ פֿאָטער.

49 קאַבצאַנסק שטאָלצירט זייער מיט דער מעשׂה. סטײַטש, בײַ זיי אין שטעטל זענען געווען אַזעלכע אורחים! ווער שמועסט רבֿ יודל – דער איז גאָר שטאָלץ ווי אַ רוח. אַ קאַטאָוועס, זײַן זיידע האָט געשיכּורט מיט לוטן... זײַן זיידע האָט אויסגעטרונקען אַ קעלער ווײַן, און דערפֿאַר טוט ער גרויסע שידוכים! אַפֿילו אַ ליאַדע דינסטמיידל פֿון קאַבצאַנסק נעמט זיך שטאַרק איבער און איז בײַ זיך אַ גאַנצער מיוחס. אַז מען פֿרעגט, למשל, אַ קאַבצאַנסקער ייִדן פֿון וואַנען ער איז, גיט ער אַ שמייכל און ענטפֿערט מיט גאווה: "ווער? איך?! איך פֿון וואַנען איך בין? איך?! – איך בין פֿון קאַבצאַנסק".

50 דעריבער הייסן אַלע קאַבצאַנסקער ייִדן 'מיוחסים' אָדער 'קאַבצאַנסקער בעלי־גאוות'. אַז מען באַגעגנט אַ ייִדן אַ בעל־גאווה, איז אַ סימן, ער איז אַ קאַבצאַנסקער...

51 דער פֿאַרפֿאַסער פֿון דעם 'ווינטשפֿינגערל' האָט געהאַט די גרויסע ערע געבאָרן ווערן אין דעם באַרימטן שטעטל קאַבצאַנסק. עס פֿאַרשטייט זיך, מײַן טאַטע איז געווען אַ קבצן. טאַקע אַ קבצן מיט אַלע חן־גריבעלעך. אַ גאַנץ יאָר איז ער אַרומגעגאַנגען פּוסט־און־פּאַס, ימים־נוראָים פֿלעגט ער זײַן אַ בעל־תּפֿילה ערגעץ אין אַ גלופּסקער קלײַזל. מײַן מאַמע איז געווען אַ קורעלאַפּניצקע. זי פֿלעגט פֿירן הינער (און) אייער קיין גלופּסק. אין קאַבצאַנסקער בית־מדרש, וואָס איך פֿלעג דאָרט כּמעט טאָגן און נעכטיקן, האָב איך תּמיד געהערט ווונדער שיינע מעשׂיות פֿון די אײַנוווינער, וואָס האָבן דאָרטן אויך כּמעט געטאָגט (און) גענעכטיקט. דאָרט זענען דערציילט געוואָרן מופֿתים פֿון גוטע־ייִדן, מעשׂיות פֿון יענער וועלט! וואָס עס טוט זיך אין גן־עדן און אין גיהנום, גלײַך ווי זיי זענען ערשט פֿון דאָרט געקומען און האָבן געזען אַלצדינג מיט זייערע אויגן, מעשׂיות וואָס זענען פֿאַרלאָפֿן אויף דעם הימל, וואָס עס קאָכט זיך אין הימלס קאַבינעט, וועלכער פֿון די צדיקים איז אַ גרעסערער תּקיף.

52 עס פֿאַרשטייט זיך, די מעשׂה מיט רבֿ שמעלקען איז תּמיד איבערגעחזרט געוואָרן אויף דאָס נײַ. דאָרט פֿלעגט מען רעדן פֿון פּאָליטיק, פֿון מלחמות. איינער פֿלעגט אויסמאָלן אַ מלחמה אויף זײַן אָפֿענער האַנט. אויף דער דלאָניע האָט ער

איסגעשטעלט קיר"הס[31] חיל, אויף די פֿינגער – דעם תוגרס.[32] צווישן זיי ביידן, אויף דעם קר־החיים, איז געווען אַ ים. נו, האָט זיך דער תוגר מיט קיר"הן געשלאָגן. בערל מיט זײַן קאָמפּאַניע האָבן געהאַלטן פֿאַר דעם תוגר. לייזער מיט זײַן קאָמפּאַניע פֿאַר קיר"הן. געווענדט אין גאַנצן האָט זיך דאָס אָבער נאָר אָן דעם פֿאַרשוין פֿון דער האַנט. בערל מיט לייזערן האָבן צו אים געקוקט מיט אַ רחמנות־פּנים. איטלעכער האָט געוואָלט ער זאָל אים צו ליב טאָן. ביז לייזער, דער ממזר, פֿלעגט שטילערהייט ציִען דעם פֿאַרשוין פֿאַר אַ פּאָלע, אָדער אים פֿאַמעלעך אַ קוועטש טאָן אַ האַנט, אַ פּוס. און טאַקע באַלד האָט מײַן פֿאַרשוין צוגעמאַכט די האַנט. איז געוואָרן אַן עק פֿון דעם תוגר. אַלע טערקן זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין ים!

53 דאָרט פֿלעגט מען איבערציילן צען מאָל אין טאָג דאָס געלט פֿון אַ סך נגידים, דאָס הייסט מען פֿלעגט שאַצן וויפֿל אייגנס איטלעכער נגיד האָט. דורך דעם פֿלעגט אַ מאָל אַרויסגיין קריג און אַ מאָל טאַקע אויך אַ געשלעג. למשל, בערל האָט געשאַצט, (אַז) רב יעקל גלופּסקער האָט פֿינף הונדערט טויזנט קערבלעך, רב יאָסל אָבער האָט צוויי הונדערט טויזנט קערבלעך. איז געקומען לייזער, בערלס בעל־פּלוגתא, און האָט געשאַצט פֿאַרקערט. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ מחלוקת. עטלעכע האָבן געהאַלטן מיט בערלען, עטלעכע מיט לייזערן. מען האָט זיך געאַמפּערט, געשפּאַרט, געווערטלט. וואָס איז עפּעס געלט־שמעלץ?!

54 אַ טייל ישרנים פֿלעגן זיך אַרײַנלייגן אין שלום אַרײַן: "פֿאָלגט אונדז, גיט נאָך לייזערן אויף רב יאָסלען, וועט ער אײַך נאָכגעבן אויף רב יעקלען".

55 – מה רעש? – האָט איינער געמאַכט אַ פּשרה – רב יעקל האָט דרײַ הונדערט מיט פֿופֿציק טויזנט און רב יאָסלע האָט אויך דרײַ הונדערט מיט פֿופֿציק טויזנט קערבלעך. זײַט איר שוין צופֿרידן? מיר דאַכט זיך, הײַנט דאַרפֿן בײדע צדדים זײַן צופֿרידן. איך האָב זיי ביידע ניט אָבידיעט.[33] לייזער מיט בערלען דאַרפֿן געבן בראָנפֿן.

56 – קוילעט אונדז דאָ פֿאַר אַ גראָשן – פֿלעגן שרײַען לייזער מיט בערלען אין איין אָטעם – מיר האָבן אָסור ניט קיין דענישקע.[34]

57 – נישקשה – האָבן אַנדערע געשריִען – נישקשה, דער שמש וועט אײַך באָרגן, גיט אים נאָר אַ משכון.

58 אַז (עס) פֿלעגט קומען צו רייד פֿון יודלען, פֿלעגט זיך איטלעכער פֿאַרטראַכטן.

31 קיר"ה: קיסר ירום הודו, דאָס מיינט מען דעם האַבסבורגער קיסר פֿראַנץ יאָזעף, וואָס האָט געקעניגט איבער דער עסטרײַכיש־אונגאַרישער אימפּעריע יאָרן לאַנג (1830–1916).

32 דער תוגר: די טערקיש־אָסמאַנישע מאַכט.

33 אָבידיען: באַליידיקן.

34 אַ דעניסקע: אַ קאָפּיקע, אַ זייער קליינע מטבעלע.



אַלע האָבן געזאָגט בפה אחד, ער איז ניט אַזוי רײַך ווי אַ מוצלח. נאָר פֿאַר וואָס איז ער ניט אַזוי רײַך ווי אַ מוצלח? אָט אָ דאָ האָבן זיך געטיילט די מיינונגען. אַ טייל האָבן געזאָגט, אַז אליהו הנבֿיא האָט דענסטמאָל, דענסטמאָל געשיקט רב שמעלקען משלוח־מנות אַ יערכען בײַטעלע מיט אַ פּעניגל. פֿון דעם בײַטעלע לאָזט זיך קיין מאָל ניט אויס קיין געלט. נאָך אַ טייל האָבן געזאָגט, אַז אליהו הנבֿיא האָט גאָר געשיקט משלוח־מנות רב שמעלקען אַ ווינטשפֿינגערל מיט אַ שם. ער האָט אים אָבער אָנגעזאָגט, ער זאָל ווינטשן נאָר וויפֿל ער באַדאַרף, מער אָבער ניט.

59 – עט – האָבן יענע געזאָגט – וואָס וואָלט עס אליהו הנבֿיא געאַרט, אַז ער זאָל ווינטשן מער וויפֿל ער באַדאַרף? עט, כלעבן, עט... ווען אַפֿילו אַזוי, וואָלט דאָך רב שמעלקע געקענט ווינטשן מיט דעם ווינטשפֿינגערל, אַז אליהו הנבֿיא זאָל אים ווינטשן, אַז ער זאָל מעגן ווינטשן וויפֿל ער ווינטשט זיך צו ווינטשן. אַ שטייגער מיר, נעבעך, זאָלן דאָס האָבן אַ ווינטשפֿינגערל, הע, הע, הע, וואָס עס וואָלט שוין געווען! כלעבן, טאַקע גאָר אָן קאַטאָוועס, פֿאַר וואָס זאָלן טאַקע ייִדן, נעבעך, ניט האָבן דאָס ווינטשפֿינגערל? וואָס וואָלט עס, דאַכט זיך, גאָט געאַרט, אַז זײַנע ייִדעלעך, זײַנע טײַערע הייליקע ייִדעלעך, זאָלן נעבעך האָבן ווינטשפֿינגערלעך?...

60 איך האָב בײַ מיר אין האַרצן געהאַלטן מיט דעם צד, וואָס האָט זיך געהאַלטן פֿאַר דעם ווינטשפֿינגערל. אַך! ווי שיין עס האָט מיר עפּעס אויסגעוויזן האָבן אַזוי אַ פֿינגערל, וואָס אַז מע זאָגט: "פֿינגערל, פֿינגערל! איך ווינטש דאָס, איך ווינטש יענץ!" – האָט מען דאָס וואָס מען ווינטשט, גאָר אָן מי, אָן קאָפּ־דרייעניש. מען זיצט זיך און געבראָטענע טויבן פֿליִען אַליין אין מויל אַרײַן. אַ תּענוג, כלעבן!

61 אין מעשׂה־ביכלעך האָב איך באַגעגנט אַ סך מענטשן מיט ווינטשפֿינגערלעך. איך האָב געליינט ווי איינער איז אַ מאָל געפֿלויגן רײַטנדיק אויף אַ רוח, איבער וועלדער, איבער פֿעלדער, איבער טאָלן, איבער בערג, ביז ער איז געקומען אויף אַ קעמפּע, וואָס דאָרט איז געשטאַנען אַ בריליאַנטענער שלאָס מיט אפֿשר הונדערט חדרים. אַז ער איז אַהין אַרײַנגעגאַנגען, האָט ער קיינעם ניט געפֿונען. די טישן זענען געווען געגרייט מיט טײַערע קרעדענצן. האָט דער בחור אַרויסגענומען זײַן ווינטשפֿינגערל און האָט געזאָגט: "פֿינגערל, פֿינגערל! איך וויל עסן, איך וויל טרינקען, איך וויל מען זאָל מיך גוט באַדינען!" דאָ זענען דאָס אַ ביסל אַרײַנגעגאַנגען פּרינצעסינס, בת־מלכות אָנגעטאָן אין גאָלד און זילבער, אַז עס איז מחיה, און האָבן דעם בחור פֿריִער געפֿירט אין אַ זילבערנע באָד, און נאָך ווײַטער, און נאָך ווײַטער און נאָך ווײַטער.

62 דאָס ווינטשפֿינגערל איז מיר ניט אַרויסגעגאַנגען פֿון דעם קאָפּ. דאָס וואָס איז פֿאַראַנען אַ ווינטשפֿינגערל, דאָס האָב איך הייליק געגלויבט, וואָרעם איך האָב

דאָך דאָס געהערט אויך פֿון מײַן טאַטן. אַ טאַטע ווייס... סטײַטש, פֿון וואַנען דען האָב איך געהערט אַלע מעשׂיות פֿון יענער וועלט, פֿון מלאכים, שדים ורוחות, פֿון כּל הזאַכן וואָס טוט זיך אין גיהנום און אין גן־עדן, ווען ניט פֿון מײַן טאַטן? הײַנט, ווען איך זאָל ניט געווען גלויבן אין דעם עיקר [פּרינציפּ] "אַז אַ טאַטע ווייס", וואָס זשע וואָלט געוואָרן חלילה פֿון מײַן ביסל ייִדישקייט?...

63 כּל זמן איך בין נאָך געווען אַ ייִנגל פֿלעג איך מיר אַלץ פֿאָרשטעלן, אַז איך וואָלט געהאַט אַ ווינטשפֿינגערל וואָלט איך מיר געווונטשן זײַן איין מאָל אין גלופּסק, וואָס איך בין נאָך דאָרטן קיין מאָל ניט געווען, און וואָס איך האָב געמיינט אַז די איז אין עק וועלט. איך וואָלט מיר אויך געווונטשן האָבן אַ גרויס שטיק ברויט מיט פּופּקעס, וואָרעם דענסטמאָלט פֿלעג איך זייער אָפֿט לײַדן הונגער, ניט הײַנט געדאַכט, און בעסערס פֿון פּופּקעס איז דאָך שוין אויף דער גאַנצער וועלט ניטאָ. אויך וואָלט איך געווונטשן, אַז אַלע חדרים און מלמדים זאָלן איזנישטשעט[35] ווערן, עס זאָל פֿון זיי טאַקע באַלד ניט בלײַבן קיין זכר, זיי זאָלן טאַקע בעסער גאָר פֿאַרשווונדן ווערן מיט דעם חיך, וואָרעם איך האָב זייער פֿײַנט געהאַט דעם חדר און מײַן מלמד דעם גזלן, דעם רוצח. וואָס מוזיק אָנבאַטרעפֿט,[36] האָב איך מיר געווונטשן האָבן אַ שופֿר־בלאָזער און אַ קאַטערינשטשיק, וואָרעם קיין אַנדער מוזיק, חוץ אַ שופֿר אַ גאַנץ חודש אלול, און אַ קאַטערינקע, וואָס איז איין מאָל פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרן צו אונדז אין שטעטל, האָב איך ניט געהערט.

64 אַז איך בין עלטער געוואָרן און האָב אָנגעהויבן צו פֿילן אַנדערע באַדערפֿעניש,[37] האָב איך אויך געהאַט אַנדערע מינים ווונטשן.[38] דענסטמאָל וואָלט איך מיר געווונטשן האָבן בת־מלכּות, פּרינצעסינס, גאָלד און זילבער וכּדומה.

65 נאָך מײַן בר־מצווה פֿלעגט מיך דער טאַטע נעמען מיט זיך אויף ימים־נוראָים קיין גלופּסק, איך זאָל אים אונטערהאַלטן. איך געדענק הײַנט אין פֿריידן מײַן ערשטע נסיעה. די מאַמע האָט אויף אַ לאַנגן וואָגן אין דער הייך אַנידערגעשטעלט אַ שטײַג מיט עופֿות און אַ קאַדקע[39] אייער אין פּאָלאָווע.[40] דער וואָגן איז געווען ענג און געזעצט מיט פֿאַרשוינען, כּמעט אַ פֿערטל שטעטל. דאָרט האָבן זיך געפֿונען מיידלעך, ווײַבלעך, וואָס זענען זיך געפֿאָרן שטעלן פֿאַר דינסטן, פֿאַר אַמען. דאָרט זענען געווען אויסגעזעצט אַלערליי ייִדן: שיינע ייִדן, כּשרע ייִדן, זײַדענע מענטשן, גילדענע מענטשן, מיט־גילדענע־אָדער ייִדן, גלאַט אַבי אָט

35 איזנישטשעט ווערן: מבֿטל ווערן, חרובֿ ווערן.
36 אָנבאַטרעפֿט: נוגע, שייך.
37 אין מקור שטייט: באַדערפֿעניסע.
38 אין מקור שטייט: ווינטשע.
39 קאַדקע: אַ גרויס געפֿעס, אַ באַליע.
40 פּאָלאָווע: [illegible]



ייִדן. איך מיט די אַלע, וואָס זײַנען געזעסן אין מיטן, האָב געשוויצט. טאַקע משונה געשוויצט. די זײַדענע מענטשן האָבן געשוויצט ווי אַ ביבער, די פּנימלעך זייערע זענען געווען אויסגעפּריעט ווי אַ צימעס. די מאַמע האָט אַלץ געשריִען, געפּילדערט אויף אַ שיינעם ייִדן, ער זאָל איר ניט צעברעכן די אייער. דער טאַטע האָט געהאַלטן צוגעמאַכט דאָס מויל, אײַנגעוויקלט דעם האַלדז מיט אַ שטיקל פּיי, ער זאָל חלילה ניט פֿאַרלירן דאָס קול.

66 אויף דעם וועג האָט מען איבערגערעדט וואָס אין דער קאָרט. מען האָט נאָך אַ מאָל דערציילט פּאָטשטן פֿון דער און פֿון יענער וועלט. מען האָט נאָך אַ מאָל איבערגעציילט דאָס אייגנס פֿון אַ סך גבֿירים. מען האָט נאָך אַ מאָל איבעגעחזרט די מעשׂה מיט רב שמעלקען. מען האָט נאָך אַ מאָל דערמאָנט פֿאַר וואָס רב יודל איז אַ מוצלח. כּמעט אַלע, בפֿרט די ווײַבער, האָבן געפּסקעט, אַז אליהו הנבֿיא האָט דעמאָלט־דעמאָלט געשיקט זײַן זיידן משלוח־מנות אַ ווינטשפֿינגערל.

67 נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ געקרעכצערײַ, אַ געזיפֿצערײַ, אַ געווינטשערײַ. איינער האָט געזאָגט, ער זאָל האָבן אַ ווינטשפֿינגערל, וואָלט ער געווונטשן דאָס; יענער דאָס; דער יענץ. הכּלל איטלעכע האָט געווונטשן עפּעס אַנדערש. נאָר דאָס האָבן אַלע גלײַך געזאָגט, אַז זיי וואָלטן זיך אַרומגעגאַנגען שלינג און שלאַנג, אַ האַנט אין קאַלטע וואַסער ניט אַרײַנגעטאָן. צדקות איז דאָרט געפֿאַלן אויף דעם פּוד. איינער האָט געזאָגט: "איך, אַ שטייגער, זאָל זײַן רב יעקל, וואָלט איך אויסגעמויערט אַ שול אין קאַבצאַנסק און וואָלט אײַנגעפֿירט אַ חבֿרה תּהילים, און וואָלט, און וואָלט, און וואָלט"... יענער האָט געזאָגט: "איך וואָלט דענסטמאָל גאָר אַוועקגעפֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל, אין דעם לאַנד וואָס ציגן עסן באָקסערן. איך וואָלט אַלע קאַבצאַנסקער ייִדן געשיקט אומזיסט ארץ־ישׂראל־ערד, ווער שמועסט – די גוטע־ייִדן, (זיי) וואָלט איך טאַקע געשיקט גאַנצע קאָראָבקעס...[41] און וואָלט, און וואָלט, און וואָלט"...

68 אויף דעם סוף איז אַרויס אַ געשלעג. בערל, לייזערס בר־פּלוגתּא, האָט געזאָגט: "אַ שטייגער, ייִדן, איך זאָל געפֿינען אַן אוצר, וואָלט איך אַרײַנגעזעצט אין קאַבצאַנסק דעם דריסקער". לייזער, אָבער, האָט געזאָגט, (אַז) ווען ער זאָל, אַ שטייגער, געפֿינען אַן אוצר, וואָלט ער בערלען אויף צו להכעיס אַרײַנגעזעצט דאָרט גאָר דעם שטינסקער. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ מחלוקת. לייזער מיט בערלען האָבן זיך שוין אָנגעכאַפּט בײַ די נעז. אַ טייל האָבן געהאַלטן מיט לייזערן, אַ טייל מיט בערלען. מען האָט נאָר געהערט: "שטינסקער – דריסקער, דריסקער – שטינסקער". אַ געשריי. אַ ליאַרעם. אַ סומאַטאָכע. אַ געשטופּערײַ. אַ געקוועטשערײַ. דער שרײַט: "אוי, מײַנע פֿיס!" – יענער: "אוי, מײַן קאָפּ!". איינער זוכט דאָס היטל, דער אַנדערער די יאַרמלקע. מײַן

מאַמע האַלט מיטביידע הענט די קאַדקע[42] מיט אייער און שרײַט און שעלט, די הענער קרייען, דער בעל־עגלה שרײַט, פֿלוכט. דער טאַטע, נעבעך, ליגט אײַנגעהויקערט אין צענען אונטער דער שטײַג, האַלט מיט איין האַנט צו דאָס מויל, מיט דער אַנדערער – דאָס שטיקל פֿיי אויף דעם האַלדז. גאָט האָט געהאָלפֿן, מען האָט זיך קוים קעגן נאַכט פֿאַרשלעפּט קיין גלופּסק.

69 פֿון מײַנע איבעריקע נסיעות וועל איך דאָ ניט דערציילן. איין מאָל, עס וועט צו לאַנג זײַן. צוווייטנס, עס איז ניט דאָ דאָס אָרט. איך היפּער איבער אַ סך זאַכן און הייב אָן פֿון דער צײַט, וואָס איך האָב מיך אָפּגעשטעלט אויף תּמיד אין גלופּסק, דאָס הייסט, אין אַ גלופּסקער קלײַזל. וואָרעם דער טאַטע האָט מיך איבערגעלאָזט דאָרטן לערנען אונטער דער השגחה פֿון אַן אַלטן בכּבֿודיקן מקבל.

70 גירסא דינקותא, דאָס הייסט, די מחשבֿות פֿון דער קינדהייט, די בלײַבן פֿעסט אין דעם מענטשנס האַרץ. דעם מענטשנס געדאַנקען אין די עלטערע יאָרן זענען אייגנטלעך אַן אַנטוויקלונג, אַ פּראָדאָלזשעניע [פֿאָרזעצונג][43] פֿון דעם קינדערשן שׂכל, פֿון דעם וואָס עס איז געלעגן ווי אַ זריעה טיף אין דעם מענטשנס האַרץ בשעת דער יוגנט. זיי ווײַזן נאָר אויס גאָר שפּאָגל נײַ, גלײַך ווי זיי זענען פּלוצלים אַרײַנגעפֿלויגן אין דעם מענטשן, גלײַך ווי עס איז אין אים פּלוצלום פֿון דער העלער הויט באַשאַפֿן געוואָרן אַ יש מאַין, דאָס הייסט: אַן עפּעס פֿון גאָרנישט. אָבער אין אמת אַרײַן האָבן זיי אַ שורש אין דעם נפֿש. וואָרעם אין דער גאַנצער נאַטור ווערט נאָר יֵשׁ מִיֵּשׁ, דאָס הייסט: עפּעס פֿון עפּעס. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז די שפּראָצונג און די אַנטוויקלונג פֿון אַ געדאַנק ווענדט זיך זייער אַ סך אין די אויסערלעכע אומשטאַנדן און סלוטשאַיען,[44] וואָס חוץ דעם נפֿש. ווען ניט זיי, האָלט זיך דער געדאַנק ניט אַרויסגעוויזן. און ער יאַווועט זיך[45] אין פֿאַרשיידענע פֿאָרמען לויט די פֿאַרשיידענע אויסערלעכע סלוטשאַיען. אַקוראַט גלײַך צו אַ בוים, וואָס ער מיט זײַנע וואָרצלען, מיט זײַנע צווײַגן, מיט זײַנע בלעטער און מיט זײַנע פּירות האָבן זיך כּסדר איינס נאָך דאָס אַנדערע אַנטוויקלט פֿון אַ קערל. בכן האָבן זיי אַלע אַ שורש אין דער זריעה, דאָס הייסט אין דעם קערל. דאָך קען מען פֿאָרט ניט זאָגן, אַז אַ בוים זאָל זיך אַרויסוואַקסן פֿון אַ קערל, וואָס ליגט אין אַ קעשענע. ווען דען זשע? דווקא ווען מען לייגט דאָס קערל אַרײַן אין דער ערד, און נאָך אין גוטער ערד, וואָס דאָרט געפֿינען זיך אַלע יסודות פֿון וואָס אַ בוים דערנערט זיך. אַחוץ דעם מוז עס זײַן אײַנגעפֿלאַנצט אין אַ פֿרײַ אָרט, וואָס דאָרט קומט צו די ליכטיקייט און די וואַרעמקייט פֿון דער זון. דאָס

42 אין מקור שטייט: קאַטקע. פֿאַרגלייך אויבן, באַמ' 39.

43 פּראָדאָלזשעניע: המשך.

44 סלוטשאַיען: צופֿאַלן.



אַלצדינג הייסט אויסערלעכע סלוטשאַיען. בנימין דער שדכן, (אַ) שטייגער, איז ניט געוואָרן אַ שדכן נאָר מחמת ראובֿן האָט געהאַט אַ ייִנגל און שמעון אַ מיידל. וואָרעם אַ סך מענטשן האָבן דאָך אויך געוווּסט פֿון דעם גלײַך ווי ער. פֿון דעסט וועגן איז קיינעם ניט אײַנגעפֿאַלן רעדן אַזוי אַ מין שידוך. דער אמת איז, (אַז) בנימין האָט געהאַט נאָך אין דער יוגנט אַ כאַראַקטער צונויפֿפֿירן בוידעם מיט פּאָליצע, קאָטשערע מיט לאָפּעטע, וואָס ניט־געשטויגן ניט־געפֿלויגן. אַז די אומשטאַנדן האָבן אים געבראַכט דערצו צו זײַן אַ גמרא־מלמד, פֿלעגט ער צונויפֿפֿירן קאָטשערע מיט לאָפּעטע אין דער גמרא. דערנאָך, אַז ער איז געוואָרן אויס מלמד און האָט גראָד דערזען ראובֿנס אַ ייִנגל און שמעונס אַ מיידל, איז אים אײַנגעפֿאַלן דאָ צונויפֿפֿירן קאָטשערע מיט לאָפּעטע. דער געדאַנק פֿון יענעם קרומען פּשטל און פֿון דעם שידוך איז באמת איינער אין פֿאַרשיידענע פֿאָרמען, לויט די פֿאַרשיידענע אומשטאַנדן, און שטאַמט אייגנטלעך אַרויס פֿון זײַן כאַראַקטער אין דער יוגנט.

71 די לעזער וועלן אַרויסזען, אַז מײַנע געדאַנקען אין גלופּסקער קלײַזל און מײַנע הײַנטיקע געדאַנקען שטאַמען אייגנטלעך אַרויס פֿון מײַן געדאַנק אין דער יוגנט. נאָר אין פֿאַרשיידענע פֿאָרמען.

72 בשעת איך בין געוועזן אין גלופּסקער קלײַזל, האָב איך דאָרט געהאַט אַ חבֿר אין מײַנע יאָרן, אַ בחורל, וואָס מיר האָבן ביידע געלעבט ווי ברידער, איינער דעם אַנדערן אויסגעזאָגט דאָס גאַנצע האַרץ. איבער דער גמרא פֿלעגן מיר זייער סקוטשאַיען.[46] מיר פֿלעגן זיך מאַכן נאָר פֿון יוצא וועגן, אַז מיר לערנען, און באמת האָבן מיר ניט געלערנט קיין וואָרט.

73 – משה – האָב איך אַלץ געזאָגט צו מײַן חבֿר – מיר דאַכט זיך, משה, אַז פֿון דעם לערנען וועט אונדז גאָרנישט אַרויסקומען. מיר גייען ביידע, נעבעך, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, עס דראָזשעט[47] אונדז דאָס לײַב. מיר האָבן ביידע ניט וואָס צו עסן און לײַדן צרות אויף דעם פּוד. פֿאַר וואָס זאָלן מיר אַזוי לײַדן, משה? אַך! איך האָב אָסור קיין כּוח ניט. גיב אַ טאַפּ מײַן לײַב ווי עס איז שאָרסטקע פֿון קעלט. נעכטן בײַ דער נאַכט האָב איך געשלאָפֿן אויף דער הוילער באַנק מיט אַ קולאַק צוקאָפּן נעבן דער טיר; אַ קאַלט ווינטעלע האָט אויף מיר שטאַרק געבלאָזן. הײַנט האָב איך, חוץ אַ שטיקל האַרט ברויט, נאָך נישט אין מײַן מויל געהאַט. דו, משה, ווערסט אויך גוט פֿאַרשוואַרצט. פֿאַר וואָס זאָלן מיר ניט אַזוי גליקלעך לעבן ווי אַנדערע? וואָס, דאַכט זיך, וואָלט דאָס גאָט געאַרט, אַז הערשל מיט משהן זאָלן אויך גליקלעך לעבן? גאָט האָט דאָך אַ סך געלט. פֿאַר וואָס זשע זאָל ער עפּעס

46 סקוטשאַיען: נודיען זיך, לײַדן פֿון לאַנגווײַל.

אונדז אויך ניט געבן?... אַך, ווי אַזוי באַקומט מען אַ ווינטשפֿינגערל? אַ ווינטשפֿינגערל, געוואַלד, אַ ווינטשפֿינגערל!

74 משה איז אַ מאָל געקומען מיט אַ שׂמחה:

75 – הערשל, איך האָב באַקומען גאָר דאָס גוטע ספֿרל! דאָרטן שטייט פֿיל וווּנדער־לעכע זאַכן. די גאַנצע וועלט ייִדן מוטשען זיך דערגרייכן וואָס עס שטייט אין אים געשריבן. מען זאָגט, אַז אַ סך ייִדן זײַנען שוין דורך דעם ספֿר גליקלעך געוואָרן.

76 מיר האָבן געשמאַק געבלעטערט דעם ספֿר. דאָס איז געווען דער באַקאַנטער 'ספֿר מפעלות אלוהים' – די קונץ רואה־ואינו־נראה, דאָס הייסט: די קונץ יענעם זען און פֿון יענעם ניט געזען ווערן איז מיר זייער געפֿעלן.

77 – זעסטו, משה – האָב איך געזאָגט – רואה־ואינו־נראה איז זייער אַ גוטע זאַך. מען קען דורך דעם אַזוי גליקלעך זײַן ווי דורך דעם ווינטשפֿינגערל. אַ שטייגער, אײַנער ציילט געלט, קען מען זיך שטילערהייט צוגיין און צונעמען, ער זאָל אונדז מכּות זען. מיר קענען אײַנעם גוט אויסביכן, ער זאָל ניט וויסן פֿון וואַנען דאָס איז געקומען. רב יעקלען דעם נגיד וועל איך מיר, למשל, גוט אויספּאַטשן. טאַקע גוט אויסברעכן די ביינער. אַז געלע וועט אַרויסטראָגן יונגע רעטעכלעך, וועל איך מיר צונעמען די רעטעכלעך, שאַ קיטש. – דו, געלע, ווער צעלאָפּניעט[48] פּאַר צרות.

78 מיר האָבן זיך שטילערהייט געמוטשעט איבער דער קונץ "רואה־ואינו־נראה'. משה אַפֿילו ניט מיט אַזוי אַ חשק. איך אָבער האָב מיך געמוטשעט גאַנץ שטאַרק. מיר האָבן געפֿאַסט תּעניתים, געזאָגט תּהלים, געגאַנגען אין קאַלטע מקוות, געברויכט אַלע מיטלען. עס איז אָבער אונדז ניט געראָטן. אַז מיר זענען דאַכט זיך שוין גאָר מיט אַלעמען פֿאַרטיק געוואָרן, האָבן מיר זיך פּלוצלים דערמאָנט, אַז איך אָדער משה האָבן עפּעס פֿאַרפֿעלט און די גאַנצע שפּיל איז קאַליע געוואָרן!

79 אַז איך האָב געזען, די קונץ 'רואה־ואינו־נראה' וויל ניט געראָטן, כאָטש צערײַס זיך, האָב איך ווידער אָנגעהויבן שטאַרק דענקען אַרום דעם ווינטשפֿינגערל. טאָמער וואָלט פֿאָרט אַ סבֿרה געווען דאָס צו באַקומען. דער טאַטע האָט דאָך געזאָגט, אַז עס איז פֿאַראַנען אַזעלכע מינים פֿינגערלעך, און אין די מעשׂה־ביכלעך האָב איך דאָך אַליין מיט מײַנע אויגן געזען בפֿירוש געדרוקט, אַז אַ סך מענטשן, אַפֿילו גויים, האָבן געהאַט אַזעלכע פֿינגערלעך. מסתּמא, אַז עס איז געדרוקט, איז דאָך אַוודאי אַן אמת. הײַנט פֿאַר וואָס זאָל ניט קענען מעגלעך זײַן, אַז איך זאָל אויך האָבן אַזוי אַ פֿינגערל? בפֿרט דערצו בין איך דאָך נאָך פֿאָרט עפּעס אויך אַ ייִד, און טאַקע נאָך אַ קאַבצאַנסקער...

80 ליתר בטחון האָב איך זיך דאָביוועט[49] בײַ דעם מקבל, וואָס איך האָב געלערנט

צעלאָפּניעס: צעפּלאַצט.



אונטער זײַן השגחה, וואָס מיינט ער מכּוח אַזוי אַ פֿינגערל. ער האָט מיר עפּעס דערציילט, אַז שלמה המלך האָט געמאַכט אַזוי אַ מין פֿינגערל מיט אַ שם, און עפּעס נאָך אַ לאַנגע מעשׂה מיט דעם אַשמדאי און מיט דער מלכּה שבֿא. פֿון דענסטמאָל אָן פֿלעג איך מיר אַלץ מיט גנבֿישע שטוטשקעלעך[50] נאָכפֿאָרשן בײַ מענטשן מכּוח דעם פֿינגערל. ביז גאָט האָט געהאָלפֿן און איך האָב עס צום סוף געפֿונען אויף אַזוי אַ שטייגער:

81 אין גלופּסק איז געווען אַ ליטוואַק. זײַן נאָמען קען איך לעת־עתּה נאָך ניט מפֿרסם מאַכן. ער איז געשטאַנען סטאַנציע בײַ ברײַנדל די בראָדערין. מײַן מאַמע האָט געהאַט אַ דריסת־הרגל בײַ ברײַנדלען אין הויז. זי פֿלעגט אַהין טראָגן עופֿות און אייער. ברײַנדלס קעכין איז געווען פֿון קאַבצאַנסק. דאָס זנאַטשעט[51] עפּעס אויך. אין גלופּסק איז אַ קעכין אַ גאַנצער תּקיף, זי הערשט און לעבט ווי גאָט אין פֿראַנקרײַך. איך פֿלעג אָפֿט אַהין צו אויך גיין מיט דער מאַמען. און דורך דעם בין איך געוואָרן דאָרט אין הויז אַ שטיק בן־בית. מען פֿלעגט זיך מיט מיר אַ מאָל שאַפֿן אַ גאַנג, שיקן צום שוחט, טובֿלען כּלים, לײַען מילכיקע גאָפּלען, מעסערס, לעפֿל, וואָרעם געוויינלעך האָט מען דאָ ניט קיין מילכיקע געפֿעס. אָדער מען פֿלעגט מיר געבן אָפּצופּוצן אַ פּאָר שיך, אַ פּאָר שטיוול. מיט דעם ליטוואַק בין איך געווען אַ גאַנצער שמעלקע. ער איז געווען פֿון דער נאַטור אַ גוטער, אָן אַ גאַל. אַ שוטניק,[52] אַ שפּאַס־מאַכער. ער פֿלעגט ליב האָבן זיך מיט מיר זאַנימײַען[53] און קאַטאָוועס צו טרײַבן.

82 יענע צײַטן האָט מען אַלץ אין פּוילן געמיינט, אַז אַ ליטוואַק קען אַלצדינג, איטלעכער ליטוואַק איז אַ למדן אַ מופֿלג, אַ פֿײַער אַ ספּירט. דער גאַנצער חסרון פֿון אַ ליטוואַק איז, וואָס ער איז אַ ליטוואַק און גלייבט ניט אין אַ גוטן־ייִדן.

83 מײַן ליטוואַק האָט מען געהאַלטן פֿאַר אַ מושלם בכל המעלות, און באמת איז ער טאַקע געווען אַ מושלם, אַ גרויסער חכם. דער דאָזיקער ליטוואַק האָט אַלץ ליב געהאַט פֿרעגן בײַ מיר רעטענישן און סקאַרבאָווע קשיות. אַ שטייגער: וואָס איז דאָס, וואָס זיצט אויף דעם דאַך און רייכערט אַ ליולקע? וואָס איז דאָס, וואָס עס דרייט זיך אַרום דער שטוב און שטעלט זיך אין אַ ווינקעלע? וואָס איז דאָס, וואָס עס גייט אײַנגעבויגן און פֿײַפֿט שטילערהייט איטלעכן אָן? וואָס איז דאָס, וואָס האָט אַ צונג אָן ביינער, דרייט עס אַהין־אַהער און ווייס ניט וואָס מיט אים איז דער מער? וואָס איז דאָס, וואָס האָט אַ פּנים פֿון אַ מענטשן און שרײַט ווי אַן אייזל, ער מיינט ער איז אַ בער און איז גאָר אַ שטשור?

50 שטוטשקעלעך: שפּיצלעך.
51 זנאַטשעט: מיינט.
52 שוטניק: לץ, וויצלינג.
53 [illegible]

84 בעסער פֿון אַלע זאַכן האָט ער ליב געהאַט אַרײַנלאָזן זיך מיט מיר אין חקירות, פֿילאָזאָפֿירן און הערן מײַנע מיינונגען איבער וועלט־זאַכן. אָ שטייגער: וואָס מיינסטו, הערשעלע, אַ קאַץ האָט אַ פּופּיק? אַ מת נאָך שלושים גייט צו חלום? נאָך ווידוי, אַז מען ווערט געזונט, מעג מען זופּן אַ ביסל יויך? פֿאַר וואָס איז פֿאַראַנען אַ טייל ייִדן, וואָס רעדן רעדן זיי גאָלע חכמות און שרײַבן זיי גאָלע נאַרישקייט? ווו קומט אַהין די זון אַז זי פֿאַרגייט? פֿאַר וואָס שלאָגט זיך די זון מיט דער לבֿנה? נעכײַ וואָלטן זיך די צדיקים געלייגט אין שלום אַרײַן? און דאָס גלײַכן נאָך אַזעלכע חקירות.

85 עס פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דעם ליטוואַק אויסגעזאָגט מײַן גאַנץ האַרץ. איך האָב אים אויסגעמייקעט[54] אַלע ייִסורים און שווערע פּראָבן,[55] וואָס איך בין אויסגעשטאַנען כּדי איך זאָל דערגיין, ווי אַזוי מען קען זײַן אַ רואה־ואינו־נראה. דער ליטוואַק האָט מיך איין מאָל גאַנץ ערנצט אָנגעקוקט און האָט מיך געפֿרעגט:

86 – צו וואָס טויג דיר זײַן אַ רואה־ואינו־נראה? פֿאַר וואָס ווילסטו, אַז יענעם זאָלסטו קענען זען, און יענער דיך זאָל ניט קענען זען?

87 – סטײַטש – האָב איך געענטפֿערט – איך וועל אויף אַזוי אַן אופֿן קענען טאָן אַלץ וואָס איך וויל; איך וועל אַלצדינג נעמען וואָס מײַן האַרץ גלוסט; מײַנע שׂונאים וועל איך הרגענען־שלאָגן און וועל מיר לעבן אַזוי ווי אַ פּריץ, נישט טאָן קיין שום אַרבעט.

88 – הײַנט באַטראַכט זיך נאָר, הערשעלע לעב – האָט דער ליטוואַק געזאָגט – וואָס פֿאַר אַ קרומען שׂכל דו האָסט! סטײַטש, דו האָסט געפֿאַסט תּעניתים, דו האָסט געזאָגט תּהילים, דו ביסט געגאַנגען אין קאַלטע מקוואות! וואָס איז? גאָט זאָל דיר, הערשעלע, העלפֿן דערגיין (צו) אַזוי אַ קונץ, וואָס דאַדורך זאָלסטו זײַן אַ גנבֿ, אַ רוצח, אַ ליידיק־גייער, אַ הולטײַ און אַ בעל־תּאווה! אַ שטייגער, הערשעלע לעב, וואָס וואָלט געוואָרן פֿון דער וועלט, ווען מענטשן זאָלן קענען אַזעלכע קונצן?

89 מאָלט אײַך, אַז איך האָב דענסטמאָל דעם ליטוואַק ניט אַזוי גוט פֿאַרשטאַנען און האָב געזאָגט:

90 – פֿון דעסט וועגן ווייס איך, אַז עס איז פֿאַראַנען אַ סך פֿרומע ייִדן, וואָס פֿאַרלאַנגען זייער אויסלערנען זיך די קונץ רואה־ואינו־נראה, זיי וואָלטן דערפֿאַר באַדײַ דאָס העמד פֿון דעם לײַב אַוועקגעגעבן.

91 – אַזעלכע מינים פֿרומע ייִדן – האָט דער ליטוואַק געזאָגט – וואָס פֿאַרלאַנגען די קונץ רואה־ואינו־נראה קענען זייער גרינג פֿאַרפֿירט ווערן, אָדער זיי זענען שוין טאַקע צבֿיאַקעס, שמייכלער און גנבֿים. איז דען ניט אַ צבֿויאַק, אַ

54 אויסגעמייקעס: אויסגעבראָכן, צוריקגעגעבן.

55 [illegible]



שמייכלער, אַ גנבֿ דאָס וואָס (מיינט) אַ רואה־ואינו־נראה? זיי אַלע ווילן איין זאַך: שטילערהייט אין פֿאַרבאָרגעניש אָפּטאָן אַזעלכע זאַכן, וואָס מען קען זיי ניט טאָן עפֿנטלעך, בפֿרהסיא. אַ מענטש אָבער, אַן אמת אָרנטלעכער מענטש, דאַרף זײַן בסתר כּבגלוי, דאָס הייסט, ער דאַרף אין פֿאַרבאָרגעניש זײַן אַזוי ערלעך, ווי עפֿנטלעך פֿאַר לײַטן – אַפֿילו ווען קיינער זעט אים ניט, זאָל ער יענעמס אויף אַ האָר ניט זאַטשעפּען, קיינעם ניט אָבידיען.[56] ער דאַרף מיט זײַנע מעשׂים ניט מורא האָבן פֿאַר דער עפֿנטלעכער מיינונג. ער דאַרף זיך ניט באַהאַלטן. קורץ, אַ בראַווער, ערלעכער מאַן דאַרף ניט ווען זײַן אַ רואה־ואינו־נראה. זעסטו, הערשעלע, אַ שטייגער, דו זאָלסט טאָן עפּעס אַ פֿאַרברעכן, אָדער חלילה, לא יעלה ולא יבֿוא, מען זאָל דיך וועלן נעמען פֿאַר אַ רעקרוט – דאָ וואָלסטו דאָך אַוודאי אָנגעווענדט די קונץ רואה־ואינו־נראה. באמת אָבער וואָלסטו געהאַנדלט זייער ניט רעכט פֿאַר דער פּראַוויטעלסטוואָ[57] און וואָלסטו ניט מקיים געווען איר רצון. איינער פֿון די חכמי יוון, דער באַרימטער סאָקראַטעס, אַז מען האָט אים אײַנגעזעצט תּפֿוס אין אָסטראָג[58] פֿאַר אַ בלבול, האָט געזאָגט צו זײַנע תּלמידים, וואָס האָבן אים געוואָלט אַרויסגנבֿענען, אַז ער וויל בשום אופֿן ניט אַנטלויפֿן, וואָרעם ער האָט דאָך געשוואָרן, אַז ער זאָל תּמיד מקיים זײַן דעם רצון פֿון דער פּראַוויטעלסטוואָ. הײַנט אַז ער וועט אַנטלויפֿן פֿון אָסטראָג, וואָס די פּראַוויטעלסטוואָ האָט אים דאָרט אײַנגעזעצט, וועט ער דאָך עובֿר שבֿועה זײַן!

92 אַז עס איז איין מאָל געקומען צו רייד פֿון דעם ווינטשפֿינגערל, האָט דער ליטוואַק אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט זײַן אייגעלע און האָט צו מיר אַזוי געזאָגט:

93 – מײַן ליבער רב הערשל! באַטראַכט זיך נאָר, הערשעלע לעב, מיט קאָפּ, וואָס דו ווילסט! דו ווילסט האָבן אַזוי אַ מין זאַך, וואָס ווען מענטשן זאָלן עס האָבן, וואָלט שוין לאַנג ניט געווען נישט קיין מענטשן, נישט קיין וועלט. לאָמיר אָננעמען, אַז עס איז בנמצא ווינטשפֿינגערלעך, און אַלע מענטשן, אָדער ווערליק דעם יושר פֿון דײַנע קאַבצאַנסקער אײַנוווינער, זאָלן נאָר אַלע ייִדעלעך האָבן אַזעלכע פֿינגערלעך, און אַלע וואָלטן געוווּנטשן האָבן בת־מלכּות, פּרינצעסינס, פֿון וואַנען זשע וואָלטן זיך גענומען בת־מלכּות? די בת־מלכּות אַליין וואָלטן דאָך אויך געהאַט ווינטשפֿינגערלעך. זיי, נעבעך, אָבער וואָלטן געוווּנטשן גאָר פּרינצן, בני מלכים. אַ שטייגער דו, הערשעלע, דו וואָלסט זיך געוווּנטשן די פּרינצעסין פֿון שפּאַניען. זי, נעבעך, וואָלט זיך געוווּנטשן דעם יונגן פּרינץ נאַפּאָלעאָנס אַ זון, אַ סך אַ בעסערן חתן פֿון דיר, כאָטש דו לערנסט אין גלופּסקער קלײַזל. אײַ טאָמער, הערשעלע, ווייסטו זאָגן אַז דענסטמאָל וואָלסטו ניט געווען דער

56 אָבידיען: באַליידיקן. אויבן, באַמ' 3.

57 פּראַוויטעלסטוואָ: רעגירונג.

58 אָסטראָג: טורמע.

הײַנטיקער הערשעלע, דו אַליין וואָלסט גאָר געווען אַ פּרינץ אַ בן־מלך, דאָס הייסט, דײַן טאַטע וואָלט דאָך געוויס גענומען כאָטש איין בת־מלכּה, ניט קיין קודלאַפּניצקע, און וואָלט זיכער געוווינט אין אַ בריליאַנטענעם שלאָס. אם כּן, אויב יאָ אַזוי, וואָלטן זיך אַלע געווען נאָר בני מלכים – און ווו וואָלטן געווען זייערע קנעכט? דאָס איז נאָך ניט גאָר. ראובֿן, אַ שטייגער, וואָלט געווונטשן, שמעון זאָל אויסברעכן אַ האַנט, אַ פֿוס, שמעון אָבער פֿון זײַן זײַט וואָלט אויך געווונטשן, אַז ראובֿן זאָל צעברעכן רוק־און־לענד. אָדער ראובֿן וואָלט געהייסן עס זאָל גיין אַ רעגן. שמעון וואָלט געזאָגט, עס זאָל זײַן טאָג. ראובֿן[59] וואָלט געזאָגט עס זאָל זײַן נאַכט. אָדער ראובֿן מיט שמעונען וואָלטן זיך גראָד ביידע געזעצט רײַטנדיק אויף איין רוח; איינער וואָלט אים געהייסן פֿליִען קיין הודו, דער אַנדערער – קיין כּוש! הײַנט דאַרפֿסטו דאָך פֿאַרשטיין, הערשעלע לעב, אַז אַלע מענטשן וואָלטן געווען טונעיאַדצעס,[60] קיינער וואָלט ניט געוואָלט אַרבעטן, מען וואָלט ניט געאַקערט, ניט געזייט, מען וואָלט ניט געמאַכט פֿאַבריקעס פֿון לײַוונט, פֿון געוואַנט, פֿון נאָך אַנדערע זאַכן, עס וואָלט ניט געווען קיין שנײַדער, קיין שוסטער, קיין קאָוועל, קיין סטאָלער, קיין בעקער וכדומה, וואָלט מען ניט געהאַט וואָס צו עסן, וואָס אָנצוטאָן, אין וואָס צו פֿאָרן, מען וואָלט פּשוט געשטאָרבן פֿאַר הונגער, פֿאַר קעלט.

94 איך האָב קאַלופּעט די נאָז און קאַלאַפּאָטשעט מיט דער צונג:

95 – סטײַטש, דאָס אַלצדינג וואָלטן געטאָן מלאכים, שדים, רוחות. זיי וואָלטן אַלצדינג געאַרבעט, און געהייצט די רובעס. הײַנט די עכּו״ם...

96 דער ליטוואַק האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַזוי אַ פּנים, ווי איינער זאָגט: אַזוי, בחור! אַזוי אַ פֿויגל ביסטו!

97 – ווייסטו וואָס, הערשעלע – האָט ער מיר איין מאָל געזאָגט – איך אַליין מוטשע מיך שוין אויך אַ לאַנגע צײַט צו דערגרייכן דאָס ווינטשפֿינגערל. איך האַלט שוין אַפֿילו אויף אַ שטייגער. אויב דו ווילסט, וועל איך דיך אויסלערנען.

98 תּחילת האָב איך אים ניט געגלויבט. איך האָב געמיינט, ער שפּאַסט, ער מאַכט פֿון מיר חוזק. נאָר אַז ער האָט מיר אָבער געשוואָרן, אַז ער מיינט דאָס גאַנץ ערנצט, האָב איך מיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט.

99 – נאָר איך מוז מיט דיר פֿריִער אויסנעמען אַ תּנאַי – האָט דער ליטוואַק געזאָגט – אַז דו זאָלסט מיר פֿאָלגן און טאָן אַלץ, וואָס איך וועל דיר הייסן. טאָמער, חלילה, וועסטו ניט מקיים זײַן אַ קלייניקייט, ביסטו פֿאַרפֿאַלן אויף אייביק, און דײַן גאַנצע פֿריִערדיקע מי וועט גאָרניט טויגן. נו, באַשטייסטו דערויף, הערשעלע?

59 אין מקור שטייט: שמעון.



100 – אָ – האָב איך געזאָגט – איך באַשטיי.

101 – נו – האָט דער ליטוואַק ווידער געזאָגט – פֿון הײַנט אָן זאָלסטו זײַן בײַ מיר, דו זאָלסט בײַ מיר עסן און שלאָפֿן.

102 אויף מאָרגן, נאָך דעם אַז איך האָב מיך איבערגעקליבן צום ליטוואַק, אַרום (אַ) זייגער צען בײַ דער נאַכט, אַז אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפֿן, האָט דער ליטוואַק אַרויסגענומען פֿון אַ שאַפֿקעלע עפּעס אַ ספֿר און האָט צו מיר געזאָגט:

103 – זעסטו, הערשעלע, דאָס וואָס איך וויל דיך אויסלערנען שטייט אין אַזעלכע ספֿרים, וואָס דו וועסט אין זיי קוקן ווי אַ האָן אין בני־אָדם, וואָרעם זיי זענען געשריבן אין דער דײַטשער שפּראַך. אַחוץ דעם דאַרף מען האָבן אַ סך הקדמות און פֿאָרקענטעניש, אַז מען זאָל זיי קענען פֿאַרשטיין. דעריבער וועל איך דיך פֿריִער אויסלערנען גוט לייענען, דערנאָך די איבעריקע זאַכן, וואָס מען דאַרף דערצו האָבן. איך וועל זיך מיט דיר תּמיד באַשעפֿטיקן פֿון (אַ) זייגער צען ביז צוועלף בײַ נאַכט, אַ מאָל ביז איינס. נאָר אָבער דו מוזט אַליין פֿאַר זיך גוט – טאַקע גוט – קנייטשן דאָס ביכעלע, און זאָלסט זיך ניט פֿוילן.

104 וואָס זאָל איך דאָ אײַך פֿיל דערציילן? אין אַ האַלב יאָר האָב איך געלייענט דײַטש, גיך ווי אַ וואַסער. טאָג ווי נאַכט פֿלעג איך זיצן איבער דעם בוך. אַז איך פֿלעג אַ מאָל מיד ווערן, פֿלעג איך מיר אונטערגעבן חשק: "לערן, לערן, וועסטו האָבן דאָס ווינטשפֿינגערל". אַקוראַט גלײַך ווי דער דרדקי־מלמד פֿלעגט מיך אָנטרײַבן מיט די ווערטער: "לערן, הערשונאָ, לערן, דער מלאך וועט אַראָפּוואַרפֿן אַ גראָשן". אַקוראַט ווי אַ פֿרומער ייִד טרײַבט זיך אָן צו טאָן אַ מצווה, כּדי ער זאָל עסן אַ שטיק פֿיש פֿון לויתן, אַ שטיק פֿלייש פֿון דעם שור־הבר און האָבן אַ שטול אין גן־עדן. דאָס מאַכט, וואָס דאָס ייִנגל און דער פּראָסטער, פֿרומער, אומגעבילדעטער ייִד פֿאַרשטייען ניט דעם טיפֿן געדאַנק פֿון די הייליקע ווערטער: "שׂכר מצווה מצווה", דאָס הייסט: דער לוין פֿון אַ גוטער זאַך איז טאַקע די גוטע זאַך אַליין. ווײַטער דערקלערן דעם זין פֿון די אמתע, זייער פֿיל באַטײַטנדיקע ווערטער, וואָס אונדזערע הייליקע חכמים האָבן געזאָגט, איז דאָ ניט דאָס אָרט.

105 בערך אַ יאָר בין איך געזעסן מיט דעם ליטוואַק אין גלופּסק. אין דעם יאָר האָב איך מיך אויסגעלערנט ריכטיק שרײַבן. איך בין דורכגעגאַנגען אַריפֿמעטיקע, אַ קורצע געאָגראַפֿיע וכדומה. דעם ליטוואַקס געשעפֿטן האָבן אים דערנאָך געצווונגען פֿאָרן קיין לײַפּציג. ער האָט מיך אַהין צו מיט זיך גענומען. דאָרט האָט ער מיך געלאָזט שטודירן די נאַטור־וויסנשאַפֿטן אין אוניווערסיטעט. ער האָט מיך פֿאַרזאָרגט מיט געלט און מיט אַלע באַדערפֿענישן, ווי אַן אייגן קינד. אַז ער האָט געדאַרפֿט אַוועקפֿאָרן פֿון לײַפּציג, האָט ער זיך מיט מיר געזעגנט און האָט צו מיר אַזוי געזאָגט:

106 – לערן, הערשעלע, לערן. דו וועסט געפֿינען דאָס ווינטשפֿינגערל! מײַן לוין פֿאַר

מײַן מי מיט דיר וועט זײַן, אַז (דו) הערשעלע זאָלסט שפּעטער אויך אויסלערנען אַנדערע צו געפֿינען דאָס ווינטשפֿינגערל, וואָס דורך דעם וועלן זיי, נעבעך, קענען גליקלעך לעבן אויף דער וועלט, און דורך דעם וועלן זיי קענען זײַן גוטע און נוצלעכע מענטשן. זע, מײַן טײַערער הערשעלע, איך בעט דיך! איך בעט דיך, מײַן טײַערער הערשעלע, דו זאָלסט טאָן מײַן רצון!

107 דער ליטוואַק האָט געטראָפֿן! אין אוניווערסיטעט האָב איך צום סוף געפֿונען דאָס ווינטשפֿינגערל. נישט דאָס פּוסטע, כימערישע ווינטשפֿינגערל, וואָס דורך אים וואָלט די וועלט קיין קיום ניט געקענט האָבן, אַזוי ווי מײַן קלוגער ליטוואַק האָט עס שוין לאַנג דערקלערט. נישט דאָס אויסגעטראַכטע פֿינגערל, וואָס דורך אים וואָלטן די מענטשן געוועזן הולטײַעס, ליידיק־גייער, גראָבע יונגען און בעלי־תּאוות; וואָס דורך דעם וואָלט אַ מענטש אַליין ניט געטויגט אַ קאַץ אַ שוואַנץ צו בינדן, און די וועלט וואָלט פֿול געוואָרן מיט שדים, מיט רוחות; וואָס דורך דעם וואָלטן געמוזט אויפֿהערן אַלע נאַטור־געזעצן, דאָס הייסט, עס וואָלט בטל געוואָרן גאָטס גרויסער און קלוגער פּלאַן אין דער נאַטור, צוליב די מענטשנס נאַרישע ווונטשן. עס וואָלט בטל געוואָרן גאָטס ווילן צוליב דעם מענטשנס ווילן. למשל: פֿון טויזנטער יאָרן וואַקסן, דורך מיליאָנען סיבות און נאַטירלעכע פּריטשינעס,[61] אויף עפּל־ביימער – עפּל. פּלוצלים וואָלט אַ מענטש געווונטשן, אַז אויף זיי זאָלן וואַקסן אתרוגים. וואָלטן דאָך געמוזט חרובֿ און נחרבֿ ווערן אַלע ערשטע סיבות (און) פּריטשינעס, וואָס דורך זיי האָט גאָט געלאָזט וואַקסן עפּל. אַז [עס] וואָלטן חרובֿ געוואָרן די סיבות, וואָלטן שוין דורך דעם געמוזט חרובֿ ווערן נאָך אַ סך סיבות און געזעצן פֿון אַ גוזמא אַנדערע זאַכן, ביז עס וואָלטן צעשטערט געוואָרן צוליב איין קלייניקייט, צוליב איין אתרוג, גאָטס אַלע מחשבֿות, דאָס הייסט, אַלע נאַטור־געזעצן, און די וועלט וואָלט געוועזן ווי אַ שיף אָן (אַ) רודער!

108 ניין, נאָר אַ גראָבער, אומגעבילדעטער מענטש קען פֿאַרלאַנגען אַזוי אַ פֿינגערל. נאָר אַזעלכע מענטשן, וואָס פֿילן זייער נידעריקייט, זייערע חסרונות, זייער שלאַפֿקייט אַנטקעגן דער נאַטור, וואָס פֿילן, אַז זיי זענען ניט אומשטאַנד זיך ראַנגלען מיט די קרעפֿטן און כּוחות פֿון דער נאַטור און צו דאָביוען[62] אַלע זייערע באַדערפֿענישן מיט שׂכל, מיט פֿאַרשטאַנד, נאָר אַזעלכע קליינע מענטשעלעך זענען ניט צופֿרידן מיט גאָטס פֿירונג, מיט זײַן הייליקער נאַטור, און ווילן אַלץ עפּעס ווונדער, עפּעס ניסים און איבערנאַטירלעכעס. עפּעס ווילן זיי, אַז עפּעס אַ מענטש זאָל מאַכן מופֿתים און זאָל האָבן צו שאַפֿן איבער גאָט! נאָר אַזעלכע

61 [illegible]



גראָבע, אומגליקלעכע מענטשן האָבן מחמת גרויס עגמת־נפֿש זיך פֿאָרגעשטעלט אַזוי אַ מענטשן, גאָטס אַן אָפּיקון,[63] וואָס ער פֿירט אים בײַ דער נאָז, און אַזוי אַן איבערנאַטירלעך פֿינגערל.

109 ניין, מײַנע ייִדן, ניט דאָס פֿינגערל האָב איך געפֿונען. ניט דאָס פֿינגערל וועל איך אײַך אויסלערנען צו דערגרייכן. מײַן פֿינגערל איז עפּעס וואָס אַנדערש. דאָס איז די חכמה! מיט חכמה קען דער מענטש דערגרייכן אַלצדינג וואָס ער ווינטשט. די חכמה – זי איז דאָס נאַטירלעכע ווינטשפֿינגערל, וואָס מיט דעם פֿילט זיך דער מענטש שטאַרק צו באַקומען אַלע זײַנע באַדערפֿענישן על־פּי דרך־הטבֿע, וואָס מיט איר הערשט ער איבער דער נאַטור און מאַכט זי פֿאַר זײַנער אַ דינסט. ער וויל פֿאָרן גאַנץ געשווינד אָן פֿערד, שפּאַנט ער אײַן די פּאַרע [אַ נאַטור־קראַפֿט] אין אַ וואָגן און פֿאָרט גיך ווי אַ פֿײַל אויסן בויגן. ער וויל רעדן פֿון ווײַטן מיט זײַנעם אַ פֿרײַנד אין עק וועלט, באַפֿעלט ער אויף דער עלעקטריע[64] [אַ נאַטור־קראַפֿט) און זי טראָגט זײַנע ווערטער נאָך גיכער ווי רוחות. ער ווינטשט פֿליִען אין דער לופֿט, זעצט ער זיך אַרײַן אין אַ באַלאָן, וואָס ער צווינגט אים דורך גאַז, אַז ער זאָל זיך דערהייבן ווײַט־ווײַט הינטער די וואָלקנס, וואָס דאָרט איז ניט זוכה צו פֿליִען אַפֿילו דער אָדלער, דער מלך פֿון אַלע עופֿות. ער ווינטשט, אַז דער בליץ, דער מחבל, זאָל ניט פֿאַרברענען זײַן הויז, שלעפּט ער אים אַראָפּ פֿון הימל מיט אײַזערנע קייטן צו אַל די שוואַרצע יאָר טיף אין דער ערד. און נאָך אַ סך אַזעלכע זאַכן קען דער מענטש מאַכן מיט דעם טײַערן ווינטשפֿינגערל.

110 אָ, לערן און גיב דיר מי דער וועלט נוצלעך צו זײַן מיט דײַן חכמה, דענסטמאָל וועלן דיך אַפֿילו בת־מלכּות, פּרינצעסינס באַדינען, אַפֿילו מלכים וועלן דיך אַרומטראָגן אויף די הענט! טויזנטער יאָרן נאָך דײַן טויט וועסטו געהויכט, געקרוינט זײַן בײַ דער גאַנצער וועלט. איטלעכער וועט זיך מיט דיר מיחס זײַן: דײַן געבורטסאָרט, נאַציע,[65] דײַן פֿאָטערלאַנד און אַלע מענטשן!

111 אין דעם ספֿר האָב איך מיר פֿירגענומען צו באַשרײַבן פּראָסט אין אַ גרינגער שפּראַך די אַלע חכמות און וויסנשאַפֿטן, וואָס דורך זיי קען איטלעכער מענטש זוכה זײַן צו דעם אמת נאַטירלעכן ווינטשפֿינגערל.

112 לערנט זשע, ייִדן! לערנט, וועט איר גליקלעך זײַן! אַזוי ווי שלמה המלך זאָגט אין משלי: אַשְׁרֵי אָדָם מָצָא חָכְמָה (משלי ג 13), דאָס הייסט אַז וויל איז דעם מענטשן וואָס ער האָט געפֿונען קלוגשאַפֿט!

63 אָפּיקון: דערציִער, מורה־דרך, אפּוטרופּוס.

64 [illegible] עלעקטריציטעט.

## זשיד דאַוואַי ראָשי![66]

113 איך בין אַן אָרעמאַן. ווי איך בין אַ ייִד! איך בין שוין דרײַסיק יאָר אַ ייִדישער מוכר־ספֿרים און איך בין נאָך אַ גרויסער אבֿיון. ווי איך בין אַ ייִד!... קוים קוים וואָס איך האַרצעווע מיך אויס מיט מײַן פֿערדל, נעבעך. נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. איך קען ניט מער דרוקן פֿון דעם דײַטשערעס ספֿרל אויף מײַנע אייגענע הוצאות. איך האָב נישט קיין געלט. ווי איך בין אַ ייִד! דעם דײַטשל, וואָס זעצט איבער דאָס דײַטשערעס ביכל דאַרף איך אויך צאָלן. ער איז אויך אַ קבצן. ווי איך בין אַ ייִד! איר מעגט מיר גלייבן אויף מײַן וואָרט. אַז אַ ייִד זאָגט, ער איז אַ קבצן, איז ער באַגלייבט. זעט איר, אַז ער פֿאַרזיכערט אײַך, ער האָט געלט, האָט איר אַ מיגו[67] ניט צו גלייבן. עס קען זײַן, ער איז אַ פֿאָדראַטשיק.[68] נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. איך בין אויסן, מײַנע ליבע ייִדעלעך, אַז איר זאָלט מיר שיקן געלט. דאָס הייסט בײַ אונדז 'פרענומעראַנטן'. וועל איך דורך דעם אין שטאַנד זײַן צו דרוקן די אַלע נייטיקע חכמות, וואָס שטייען געשריבן אין דעם דײַטשערישן ביכל. איך פֿאַרזיכער אײַך, אַז איר וועט דערפֿון משונה הנאה האָבן. אין דײַטשלאַנד האָבן שוין דאָס כּמעט אַלע ייִדן איבערגעלייענט און מען זאָגט: זיי שטייען שוין אויף אַ שטייגער צו האָבן ווינטשפֿינגערלעך. זיי האָבן שוין אַ סך מער דערגרייכט ווי אונדזערע ייִדעלעך. עס איז זיי גאַנץ גוט... מיר אָבער מוזן נאָך זאָגן דאָס גרייִש ווערטל: "טאַם דאָברע גדיע נאַס נימאַ", דאָס הייסט, ווו מיר ייִדן זײַנען ניטאָ, דאָרט איז גוט...

114 נאָר ווער אָבער איז דערינען שולדיק, ווען ניט טאַקע מיר אַליין? נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. טײַערע ייִדן, איר זאָלט מיר ניט שיקן צעריסענע קערבלעך, אָן נומערן. מײַן אַדרעס איז: "יעוורעיו מענדעליו יודעלאָוויטשו מויכערו ספֿאָרימו אוווו גלופסקו".[69] וואָרעם איך בין אָפּט אין גלופסק.

115 הײַנט זײַט מיר געזונט, ייִדן. מיר זאָלן זיך נאָך אַ מאָל געזונטערהייט זען. אמן.

סוף[70]

66 זשיד דאַוואַי ראָשי: ייִד, גיב געלט, גיב גראָשנס אוקראַיִניש..

67 מיגו: אַ לאָגישער טערמין אין תלמוד, וואָס מיינט: פֿון דאַנען דרינגט אַרויס (אַראַמיש: מִן גו). ווען איינער האָט אַ גוטע מאָטיווירונג, זאָגט מען אַז ער האָט אַ פֿעסטן מיגו.

68 פֿאָדראַטשיק: אונטערנעמער.

69 "דעם ייִדן מענדעלע יודעלעוויטש, דעם מוכר־ספֿרים אין גלופסק".

70 אין מקור שטייט: ענדע.

(34)

---

# כִּתְבֵי בְּאִבָּם

מנדלי מוכר־ספרים

טבעת המופת

דאָס ווינטשפֿינגערל

פישקה החיגר

פֿישקע דער קרומער

תירגם, ערך והביא לדפוס

שלום לוריא

הוצאת הספרים
של אוניברסיטת חיפה

1994